STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02761

HANTBUKH FAR ANTIRELIGIEZER PROPAGANDE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האנטבוך

פאר אנטירעליגיעזער פראָפּאגאנדע

קאָאָפּעראטיווער פארלאג
„קולטור-ליגע“
קיעוו—1927

PRINTED in U.S.S.R.

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק״,
4-טע דרוקעריי, וואראווסקע 42
באַשט. 98. גערדרוקט — 2000
אקרליט (20.372) № 5414

פאָרוואָרט

ביז איצט איז אין אידיש קימאט ניטא קיין שום הילפבוך פאר דער אַנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע. דער נייטיקער מאַטעריאַל איז צעוואָרפן אין פֿארשיידענע אויסגאבן, וועלכע מע קען ניט אַלעמאָל געפינען.

אונזער האנטבוך שטעלט פאַר זיך אַ באשיידענע אופגאבע: פארלייכטערן כאָטש אין אַ קלייגער מאָס די אַרבעט פונם פאָליט-טוער, געבן אים דעם נייטיקן סכום יעדיעס און אָנווייזונגען וועגן די פארשיידענע פראַגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער אַנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע ביכלאַל און מיט דער אידישער ביפראַט.

דער קאמף מיט דער אידישער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע האָט זיך זייגע אייגנארטיקע פאָרמען; פונם אידישן טוער אפן געביט פון אנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע פאָדערט זיך, ער זאָל זיין באַהאוונט אין די ספעציפישע באַזונדערקייטן פון דער אידישער רעליגיעזער וועלט מיט איר גאַנצן קלאַפער-געצייג. באזונדערס שווער איז דעם אידישן פאָליט-טוער אין די קליינע פארוואָרפענע שטעטלעך, וואו ס'איז שווער צו קריגן די נייטיקע ביכער און מאַכשירים פאר דער אנטירעליגיעזער פראָפאַגאנדע.

ניט קאָנענדיק אויסשעפן אין דער פולער מאָס דעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַראַן אַפן דאָזיקן געביט, האָבן מיר זיך באַנוגנט בלויז מיט די ראָשע-פראָקים וועגן די פארשיידענע צווייגן פון דער אַנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע. דעריקער האָבן מיר געשטרעבט צו זיין באָר ווי אַ וועגווייזער פארן שטעטלדיקן און דאָרפישן לערער, וועלכער איז דאָרטן מערסטנטייל דער אייגציקער פאָליט און קולט-טוער.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפטיילן: 1) רעליגיע אלס וועלטאנשויאונג, 2) רעליגיע און קלאסנקאמף, 3) די אידישע רעליגיע און אירע אינסטיטוציעס, 4) מעטאָדיק פון אַנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע, 5) מוסטער-פראָגראמען פאַר אַ סיסטעמאַטישן קורס פאר אַן אַנטי-רעליגיעזן קרייז, 6) ביבליאָגראַפיע, 7) קאָמפלעקטירונג פון מאַכשירים פאר דער אַנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע.

ביילאגע: אָפיציעלע פארטייאישע און מעלוכישע דאקומענטן און מאטעריאלן.

מיר רעכענען, אַז אונזער האַנטבוך איז צו דער צייט און וועט ברייגגען דעם נייטיקן נוצן פאַרן אידישן טוער אַפן געביט פון אנטירעליגיעזער פראָפאַגאַנדע אין זיבען פון אָריענטירן זיך אין דעם שלאל מאַטעריאַלן און אויסקלייבן פאר זיין ארבעט די סאמע נייטיקע און וויכטיקע.

I אָפּטייל

רעליגיע אלס וועלטאנשויאונג

פ. ענגעלס

די סאָציאַלע וואָרצלען פון דער רעליגיע.

באַ היינטיקער צייט איז יעדע רעליגיע ניט מער, ווי אַ פאַנטאַסטישע אָפּשפּיגלונג אינם מענטשנס מויעך פון יענע אויסערלעכע קויכעס, וואָס הערשן איבער די מענטשן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, אַן אָפּשפּיגלונג, אין וועלכער די ערדישע קויכעס נעמען אָן די פאָרם פון איבערנאַטירלעכע קויכעס. אין סאַמע אָנפאַנג פון דער געשיכטע ווערן אָפּגעשפּיגלט קוידעמקאָל די קויכעס פון דער נאַטור; באַ דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג קומען אויף באַ פאַרשיידענע פעלקער אַנדערע, פאַרשיידנאַרטיקע פאַרקערפּערונגען זייערע. אײַנגיכן אָבער טרעטן אַרויס, פאַראַלעל מיט די נאַטור־קויכעס, אויך געזעלשאַפטלעכע קויכעס, ד. ה. אַזעלכע קויכעס, וועלכע שטעלן זיך אנקעגן דעם מענטשן און הערשן איבער אים, בלייבנדיק פאַר אים פונקט אַזוי פרעמד און באַזיצנדיק פונקט אזאַ באַשיינפּעלעכע נאַטירלעכע נויטווענדיקייט, ווי די קויכעס פון דער נאַטור. די פאַנטאַסטישע בילדער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך טכילעס אָפּגעשפּיגלט נאָר די געהיימניספולע קויכעס פון דער נאַטור, באַקומען איצט דעם באַטייט פון געזעלשאַפטלעכע אַטריבוטן, און זיי ווערן פאָרשטייער פון היסטאָרישע קרעפטן.

אַף דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג־שטופע ווערט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון נאַטירלעכע און געזעלשאַפטלעכע געהיימניספולע קרעפטן אַריבערגעטראָגן אַף איין אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער איז ווייטער טאַקע נאָר די אָפּשפּיגלונג פונם אַבסטראַקטן מענטשן. אַזוי איז אנטשטאַנען דער מאָנאָטעאיזם, וועלכער איז היסטאָריש געווען דער לעצטער פּראָדוקט פון דער שפּעטערדיקער גריכישער וואולגאַרער פילאָזאָפיע און וועלכער האָט זיך פאַרקערפּערט אינם אידישן, אויסשליסלעך נאַציאָנאַלן, יאהווע. אין דערדאָזיקער באַקוועמער, פאַר אַלעמען טויגבאַרער, צוגעפּאַסטער געשטאַלט קאָן די רעליגיע פאָרזעצן איר עקזיסטענץ, אַלס דער אויסדרוק אין א קאָנקרעטער פאָרם פונם אומיטלבאַרן געפיל פון דער עקזיסטירנדיקער באַציאונג צו די געזעלשאַפטלעכע און נאַטירלעכע קויכעס, וועלכע הערשן איבער זיי און וועלכע זיינען פאַר

זיי אומפאַרשטענדלעך. דאָס מוז זיך ציען קאָלומאַן די מענטשן געפינען זיך פּאַקטיש אונטערן יאָך פון דידאָזיקע קויכעס. אין דער היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט זיינען די מענטשן אונטערגעוואָרפן אונטער די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן, אונטער די פּראָדוציר-מיטלען, וואָס זיי אַליין האָבן געמאַכט, ווי אונטער עפּעס אַ געהיימניספולער קראַפט. דער פּאַקטישער יעסאָד פון דער רעפלעקטיווער טעטיקייט עקזיסטירט אַלץ ווייטער, און צוזאַמען מיט אים — אויך דער רעליגיעזער רעפלעקס. און ווען אַפילו די בורזשואַזע עקאָנאָמיע האָט א ריכטיקן קוק אַף דער אורזאַכלעכער (קויזאלע) אָפּהייניגיקייט פון דערדאָזיקער אויסערלעכער הערשאַפט, ווערט דער איניען דערפון א האָר ניט געענדערט. די בורזשואַזע עקאָנאָמיק איז ניט בעקויעך ניט אַנקעגן צו שטעלן זיך קעגן די קריזיסן ביכלאַל, ניט צו ראַטעווען א באַזונדערן קאַפּיטאַליסט פון אָנווער, פון פאַרפאַלענע כויועס און באַנקראָט, ניט צו מאַצל זיין א באַזונדערן אַרבעטער פון אַרבעטלאָזיקייט און דאַלעס: א מענטש טראַכט, און גאָט (ד. ה. די אויסערלעכע הערשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע) לאַכט. די איינפאַכע דערקענטעניש, זי מעג זיך גיין ווייטער און טיפער פון דער וויסנשאַפט פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע, איז קנאַפּ אַף אונטערצוואוואַרפן די געזעלשאַפטלעכע קויכעס אונטער דער הערשאַפט פון דער געזעלשאַפט. צוליבדעם איז קוידעמקאָל נייטיק א געזעלשאַפטלעכע אַקציע. נאָר אויב מע זאָל זיך פאָרשטעלן, אַז דידאָזיקע אַקציע איז געקומען און אַז די געזעלשאַפט, וועלכע האָט גענומען הערשן איבערן גאַנצן קאָמפּלעקס פון די פּראָדוציר-מיטלען און דורכן פּלאַנמעסיקן געברויך זייערן האָט זי באַפרייט זיך אַליין און אַלע אירע מיטגלידער פון יענער קנעכטשאַפט, אין וועלכער זי געפינט זיך, אדאַנק די פּראָדוציר-מיטלען, וועלכע זי האָט אַליין געשאַפן, און וועלכע שטייען קעגן איר אלס אומבאַזיגבאַרע אויסערלעכע קויכעס, ד. ה., אויב מע זאָל זיך פאָרשטעלן, אַז דער מענטש האָט ניט בלויז פאַרטראַכט צו באַזיצן די געזעלשאַפטלעכע קויכעס, נאָר ער באַזיצט זיי שוין, איז נאָר אין אַזאַ פאַל וועט פאַרשווינדן די לעצטע אויסערלעכע קראַפט, וועלכע שפּיגלט זיך אָפּ נאָך אַדאַיעם אין דער רעליגיע, און צוזאַמען דערמיט אויך די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג גופע — פּאָשעט מאַכמעס דעם, וואָס ס'וועט ניט זיין, וואָס אָפּצושפּיגלען.

(„אנטי-דיורינג״)

ק. מארקס

די רעליגיעזע וועלט איז די אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכער וועלט.

אין געביט פון דער רעליגיעזער וועלט זיינען די פּראָדוקטן פונם מענטשלעכן מאַרך זעלבשטענדיקע ברואים, וואָס האָבן אַן אייגן לעבן און זיי שטייען אין באַשטימטע באַציאונגען מיט מענטשן און איינער צום צווייטן.

די רעליגיעזע וועלט איז נאָר א רעפלעקס פון דער רעאַלער וועלט. פאַר דער געזעלשאַפט פון סכוירע-פּראָדוצירער, וואָס איר כאַראַקטעריסטישע געזעלשאַפטלעך-פּראָדוקציאָנעלע פאַרהעלטעניש באַשטייט דערין, וואָס די פּראָדוקטן פון דער אַרבעט זיינען פאַר זיי סכוירעס, ד. ה., ווערטן, און וואָס די איינצעלנע פּריוואַטע אַרבעטן ווערן צוגעגלייכט איינע צו דער צווייטער אין דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער פאָרם, אַלס עקוויוואַלענטע מענטשלעכע אַרבעט, — פאַר אַזאַ געזעלשאַפט איז די סאַמע פּאַסיקע פאָרם פון רעליגיע — דאָס קריסטנטום מיט זיין קולט פונם אַבסטראַקטן מענטשן, באַזונדערס אין זיינע בורזשואַזע וואַריאַציעס, ווי פּראָטעסטאַנטיזם, דעאיזם א. א. וו. די פאַרוואַנדלונג פונם פּראָדוקט אין סכוירע און, הייסט עס, אויך די עקזיסטענץ פון די מענטשן אַלס סכוירע-פּראָדוצירער שפּילט באַ די אַלט-אַזיאַטישע, אַנטיקע א. א. וו. פּראָדוציר-אויפאַנים אַן אונטערגעוואָרפענע ראָלע, וועלכע ווערט אַלץ באַדייטנדיקער, וואָס שטאַרקער עס איז די דעמאָראַליזאַציע פונם געמיינדלעכן לעבנשטייגער.

האַנדלס-פעלקער, אין אייגנטימלעכן זין פון וואָרט, עקזיסטירן בלויז אין די צווישן-וועלטישע רוימען פון דער אַלטער וועלט, ווי די געטער פון עפּיקורן אָדער ווי די אידן אין די בלויזן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. דידאָזיקע אַלטע געזעלשאַפטלעך-פּראָדוקציאָנעלע אָרגאַניזמען זיינען אַסאַך איינפאַכער און קלאָרער געבויט, איידער דער בורזשואַזער, אָבער זיי באַזירן זיך אָדער אַף דער אומרייפקייט פונם אינדיווידועלן מענטשן, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעריסן פונם נאָפּל פון נאַטור-געגנטילע באַציאונגען מיט אַנדערע מענטשן, אָדער אַף די אומיטלבאַרע פאַרהעלטענישן פון הערשאַפט און אונטערדריקונג. דער טנאַי פון זייער עקזיסטענץ איז — די נידעריקע אנטוויקלונג-שטופע פון די פּראָדוקציאָנעלע קויכעס און די אנטשפּרעכיקע צונויפגעבונדנקייט פון די מענטשישע באַציאונגען אין די ראַמען פונם פּראָצעס, וואָס באַשאַפט זייער מאַטעריעלן לעבן, און צוזאַמען מיט דעם די צונויפגעבונדנקייט פון זייערע פאַרהעלטענישן צווישן זיך און צו דער נאַטור. דידאָזיקע רעאַלע צונויפגעבונדנקייט שפּיגלט זיך אָפּ אידעאַל אין די אוראַלטע נאַטירלעכע פאָלק-רעליגיעס. די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכער וועלט קאָן ביכלאַל פאַרשווינדן נאָר דאַן, ווען די פאַרהעלטענישן פונם פּראַקטישן טאָג-

טעגלעכן לעבן פון די מענטשן ווען זיך אויסדריקן אין קלאָרע און סייכל-דיקע פאַרבינדונגען זייערע צווישן זיך און מיט דער נאַטור. דער בוי פונם געזעלשאַפטלעכן לעבנס-פּראָצעס, ד. ה. פונם מאַטעריעלן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, וועט אַראָפּשלײדערן פון זיך דעם מיסטישן נעפּלהאַפטיקן שלייער ערשט דאַן, ווען ער וועט ווערן אַ פּראָדוקט פון פריי פאַרגעזעלשאַפטלעכטע מענטשן און וועט זיך געפינען אונטער זייער באַוואוסטזיניקן פּלאַנמעסיקן קאָנטראָל. אָבער פאַר אַזאַ געזעלשאַפט איז נייטיק אַ באַשטימטע מאַטעריעלע באַזע אָדער א ריי באַשטימטע מאַטעריעלע עקזיסטענץ-באַדינגונגען, וועלכע זיינען, פון זייער זייט, א נאַטירלעך אויסגעוואַקסענער פּראָדוקט פון אַ לאַנגער און פּיינלעכער אַנטוויקלונג.

(„קאַפּיטאַל“ ב. 1).

ג. וו. פּלעכאַנאָוו

די באַשטאַנד-עלעמענטן פון דער רעליגיע.

רעליגיע קאָן מען דעפינירן, אַלס אַמער אָדער ווייניקער אויס-געהאַלטענע סיסטעם פון פאָרשטעלונגען, שטימונגען און טואונגען. די פאָרשטעלונגען בילדן אויס דעם מיטאָלאָגישן עלע-מענט פון דער רעליגיע; די שטימונגען זיינען שאַייך צום געביט פון רע-ליגיעזן געפיל, און די טואונגען — צום געביט פון רעליגיעזן קולט. מיר דאַרפן זיך קוידעמקאָל און מער פאַר אַלץ אָפּשטעלן אפן מיטאָלאָגישן עלעמענט פון דער רעליגיע.

דאָס גריכישע וואָרט „מיטאָס“ איז דער טייטש — דערציילונג. דעם מענטשן איבעראַשט אַ באַשטימטע — קיין נאַפּקעמינע ניט, אַווירקלעכע אָדער אַ קלוימערשטע — דערשיינונג. ער באַמיט זיך צו דערקלערן פאַר זיך, ווי אַזוי זי איז אַנטשטאַנען. אַזוי קומען אויף די מיטאָסן. אַ ביישפּיל: די אוראַלטע גריכן האָבן געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון דער געטין אַטענע (מינערווע). ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דידאָזיקע געטין? באַ צעאוסן האָט וויי געטון דער קאָפּ און, אַפּאָנעם, זייער שטאַרק ווי געטון, ווייל ער האָט באַ-שלאָסן אָנקומען צו דער הילף פון דער כירורגיע. די ראָלע פונם כירורג איז אויסגעפאַלן אַף געפעסטן (וואולקאַן), וועלכער האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ האַק און האָט אַזוי שטאַרק אַ זעץ געטון דעם מיילעך פון די געטער איבערן קאָפּ, אַז ער האָט זיך צעשפּאַלטן, און פון אים איז אַרויסגעשפּרונגען די געטין אַטענע. אַ צווייטער ביישפּיל: דער אוראַלטער איד האָט זיך געפרעגט, פונוואַנען האָט זיך גענומען די וועלט. אַף דערדאָזיקער פראַגע האָט אים

געענטפערט די דערציילונג וועגן די שיישעס יעמיי בעריישים און וועגן דעם, ווי אזוי דער מענטש איז באשאפן געוואָרן פון שטויב פון דער ערד. אַ דריטער ביישפּיל: דער היינטיקער אויסטראַליער פונם שייוועט ערענטע וויל וויסן, פונוואַנען האָט זיך גענומען די לעוואָנע. דידאָזיקע נייגיריקייט זיינע ווערט באַפרידיקט דורך דער דערציילונג וועגן דעם, ווי אזוי אין די אַלטע צייטן, ווען ס'איז נאָך ניט געווען קיין לעוואָנע אין הימל, איז געשטאָרבן און ניקבער געוואָרן אַ מענטש אַזאַ — אַפּאַסום. אינגיכן איז דערדאָזיקער מענטש אופגעשטאַנען טכיעס-האַמייסים און איז ארויס פון קייווער אין געשטאַלט פון אַ אינגל. זיינע קרויווים האָבן זיך איבערגעשראָקן און געלאָזט זיך לויפן, און ער האָט זיי געלויפן נאָכיאָגן, שרייענדיק: „האָט קיין מוירע ניט, לויפט ניט, אניט וועט איר גאָר שטאַרבן. איך אָבער, ווען איך וועל אפילע שטאַרבן, וועל איך אופשטיין טכיכעס-האַמייסים אפן הימל”. ער איז אויסגעוואַקסן, אַלט געוואָרן, דערנאָך געשטאָרבן, נאָר שפּעטער האָט ער זיך באַוויזן אין דער געשטאַלט פון דער לעוואָנע. פון דעמאָלט אָן שטאַרבט ער פעריאָדיש און לעבט ווידער אוף. אזוי ווערט דערקלערט ניט בלויז דער אָפּשטאַם פון דער לעוואָנע, נאָר אויך איר פעריאָדישער פאַרשווינדן און באַווייזן זיך. אזא מאַיסע באַפרידיקט דעם איצטיקן אויסטראַליער פונקט אַזוי, ווי עס האָט באַפרידיקט דעם גריך פון אַ באַשטימטן פעריאָד די מאַיסע וועגן דעם, אַז אַטענע איז ארויסגעקומען פון יופּיטערס קאָפּ, אָדער דעם אוראַלטן אידן — די מאַיסע וועגן די שיישעס יעמיי בעריישים. אַ מיטאָס איז די מאַיסע, וועלכע ענטפערט אף די פראַגן: פאַרוואָס? און ווי אזוי? דער מיטאָס איז דער ערשטער אויסדרוק דערפון, אז דער מענטש הייבט אָן שוין טויפעס זיין דעם אורזאַכלעכן צוזאַמענבונד צווישן דערשיינונגען.

איינער פון די סאַמע אויסגעצייכנטע דייטשישע עטנאָלאָגן (ערענרייך) זאָגט: „דער מיטאָס איז דער אויסדרוק פון דער אורשפּרינגלעכער וועלטאַנשויאונג”. און דאָס איז טאַקע בעעמעס אזוי. מע דאַרף האָבן זייער אַ פּרימיטיווע וועלטאַנשויאונג צוליבדעם, מע זאָל גלויבן, אַז די לעוואָנע איז טאַקע דער מענטש-אַפּאַסום, וועלכער איז ארויס פונם קייווער און האָט זיך אופגעהויבן אפן הימל. אין וואָס באַשטייט דער וויכטיקסטער סימען פון דערדאָזיקער וועלטאַנשויאונג? ער באַשטייט דערין, וואָס דער מענטש פּערסאָניפיצירט די דערשיינונגען פון דער נאַטור. דידאָזיקע אַלע דערשיינונגען שטעלן זיך פאַר דעם אורמענטשן, אלס טואונגען פון אזעלכע מינים ברואים, וועלכע האָבן, ווי ער, אַ באַוואוסטזיין, באַדערפענישן, ליידנשאַפטן, פאַרלאַנגען און אַ ווילן. דידאָזיקע ברואים, וועלכע רופן קלוימערשט ארויס מיט זייערע טואונגען באַשטימטע נאַטור-דערשיינונגען, באַקומען אין דער פאָרשטעלונג פונם אורמענטשן דעם כאַראַקטער פון גייסטער, און אזוי ארום ווערט אויסגעבילדעט דאָס, וואָס טיילאָר האָט אָנגערופן אנימיזם. „מע נעמט אָן” — זאָגט דערדאָזיקער פאָרשער, — „אז דידאָזיקע גייסטיקע ברואים זיינען מעמונע אף די דערשיינונגען פון דער מאַטעריעלער וועלט און

אפן מענטשנס לעבן אָדער זיי ווירקן אף זיי — אַף דער וועלט און אף יענער. העיויס ווי, — אזוי מיינט מען, — זיי האָבן צו טון מיט מענטשן, און די מאַיסים פון די מענטשן פארשאפן זיי פרייד אָדער אומצופרידנקייט, מוז דער גלויבן אין זייער עקזיסטענץ בריינגען נאטירלעך, מע קאָן אַפילע זאָגן--אומפארמייד-לעך, צום אָפּגעבן זיי קאָוועד, צום וועלן זיי איבערבעטן. אנימיזם, אין זיין פולער אנטוויקלונג, נעמט אַרום אלע גלויבונגען אין די הערשנדיקע געטער און אונטערטעניקע גייסטער, אין נעשאָמע און יענער וועלט, גלויבונגען, וועלכע גייען איבער אין דער פראקטיק אין אַן עמעסן קולט״.

דאָס איז אויך ריכטיק. מע דארף אָבער געדיינקען, אז איין זאַך איז גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער, און אן אַנדער זאך איז דינען צו זיי; איין זאך איז דער מיטאָס, און גאָר אַן אַנדער זאַך איז דער קולט. דער אורמענטש גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון פיל גייסטער, אָבער דינען דינט ער נאָר צו אייניקע פון זיי. דער קולט איז אַ פארייניקונג פון אנימיס-טישע אידייען מיט באשטימטע רעליגיעזע טואונגען.

ב. גארעוו

רעליגיע, אלס אידעאָלאָגיע פון אומבאהאָלפנקייט.

איך האַלט, אז דער טאָך פון דער רעליגיע, אירע טיפסטע וואָרצלע ליגן ניט אין דער דערקענטעניש אָדער אין פאַסיווער היסטאַקלעס, ניט אינם דערקלערן די וועלט אָדער אין איר אָפּשפּיגלונג, נאָר אין דער פּראַקטיק, אינם אַקטיוון, פּראַקטישן צוגאַנג צו יענע קויכעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מעכטיקער פארן מענטשן, אינם ווענדן זיך צו זיי מיט אַ באַקאָשע, מיט א שפּרוך, מיט א טפילע. אָט פארוואָס ס׳איז ניטאָ קיין פּרינציפּיעלער כילעק צווישן דעם דאָרפישן זנאַכער, דעם אור-ווילדן מענטשן און דעם היינטיקן גייסטלעכן. זיי אלע זעען דעם טאָך פון זייערע פאר-העלטענישן צו די בייזע אָדער גוטע גייסטער, צו די געטער אָדער צו גאָט אין טכינעס און טפילעס, און אויך אין מאַטאָנעס, קאָרבאָנעס. און זיי זיינען לאַכלוטן גערעכט.

ווייל ס׳איז ניטאָ קיין רעליגיעזע עמונע, ניטאָ קיין רעליגיע אָן א פער-זענלעכער גאָטהייט, וואָס איז באשאנקען מיט דער פייאיקייט צו שאטן אָדער העלפן דעם מענטשן, און אָן דער אָדער יענער פאָרם פון ווענדן זיך צו דערדאָזיקער גאָטהייט מיט א באַקאָשע צו באזייטיקן דאָס בייז און געבן גוטס.

קעדיי בעסער צו פאַרשטיין דעם מעהוס פון רעליגיע, אלס פּראַקטישע ווענדונג צו די קויכעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מעכטיקער פארן

מענטשן, איז דערלויבט צו ברענגען עטלעכע אַנאַלאָגיעס פון די געוויינלעכע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן. ווען צוויי קעמפן צווישן זיך, און איינער גייט אַרויס אַ זיגער, בלייבט דעם באַזיגטן נאָר איינס: ווענדן זיך צום טריאומפירנדיקן סוינע מיט אַ באַקאָשע, פּרוּווּן זיך איבערבעטן אים מיט ווערטער, מיט צוזאָגן צו זיין אַ ניכנע אָדער מיט מאַטאָנעס. אין דער מאָס, ווי עס וואַקסט די געזעלשאַפטלעכע דיפערענציאַציע, ווי עס קומט אויף די מאַכט, וועלכע איז ווייט פונם פאָלק, קאָן דער פּאָשעטער מענטש ניט געפינען קיין גערעכטיקייט מיט זיינע אייגענע קויכעס ניט באַם הערשער, ניט אין געריכט. ער מוז זיך ווענדן צו פאַרמיטלער, אַדוואָקאַטן: יענע ווייסן די נייטיקע פאָרמולעס פון „אָפּשפּרעכן" — פאָרמולעס, וועלכע זיינען אומפאַרשטענדלעך פאַרן פּאָשעטן מענטשן, אָבער זיי ווירקן אַפן הערשער אָדער ריכטער, וועלכע וואָלטן גאָר אפילו ניט צוגעהערט זיך צו די רייד פון דעם עמעס־זוכער. און וואָס מער עס איז אומפאַרשטענדלעך די אָפיציעלע שפּראַך פון די אַדוואָקאַטישע פאָרמולעס פאַרן מויעך פונם פּאָשעטן מענטשן, אַלץ מאַגישער דאַכט זיך אים אויס זייער קראַפט.

צי קומט דען ניט פאָר דיזעלביקע זאַך אויך אינם געביט פון רעליגיע? באַם ווענדן זיך צו די נעשאָמעס פון די פאַרשטאָרבענע, און שפּעטער אויך צו די קויכעס פון דער נאַטור, דערזעט דער פּאָשעטער מענטש, אַז מע הערט אים ניט. ווענדט ער זיך צו ספּעציאַליסטן, זנאַכערן, אָפּשפּרעכער, קויהאַנים, גאָטס־דינער. יענע ווייסן ספּעציעלע ווערטער אַזעלכע, ספּעציעלע פאָרמולעס, טפילעס אף אַן אומפאַרשטענדלעכן לאָשן, טפילעס, וועלכע דערגרייכן צו די געטער אָדער גייסטער. און פונקט אַזוי, ווי אינם ערדישן לעבן דאַרף מען קענען געבן אַ מאַטאָנע אָדער שוכעד, אָפט דורך אַ פאַרמיטלער, דורך אַ מעקורעוו אָדער דורך אַ פריינט פונם מעכטיקן מענטשן, אַזוי דאַרף מען אויך די קאָרבאָנעס ברענגען דורך אַ ספּעציעלער קונסט, צוליב וועלכער עס ווערן אויסגעאַרבעט ביסלעכווייס די נייטיקע ספּעציאַליסטן.

די ווענדונג צו גאָט מיט אַ טפילע, מיט אַ געבעט, מיט אַ שפּרוך אָדער מיט אַ מאַטאָנע קומט אין רעזולטאַט פון דער אַנערקענונג פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט אין קאַמף מיט אים; דער מענטש פּרוּווט זיך טכילעס ביי־צוקומען די דערשיינונג, וועלכע ער באַגעגנט — קיין נאַפּקעמינע ניט, צי איז דאָס אַ פאַרשטאָרבענער, אַ כאַיע אָדער אַ נאַטור־קראַפט, — און ערשט שפּעטער, אַ באַזיגטער, פאַלט ער פאַר איר קוירים און ווענדט זיך צו איר מיט טפילעס און קאָרבאָנעס, ער הייבט אָן „פאַרגעטערן זי". דאָס זעט מען פון אַ ריי עטנאָגראַפישע באַאָבאַכטונגען, און אויך פון באַאָבאַכטונגען איבער קינדער, וועלכע גייען דורך אין אַ פאַרקירצטער פאָרם אַ ריי שטופעס פון דער מענטשלעכער קולטור. ס'איז גענוג צו דערמאַנען זיך, ווי אַזוי מע באַגייט זיך מיט מייסים, פאַר וועלכע מע האָט מוירע, זיי זאָלן צוריק ניט קומען: מע פאַרוואַלגערט זיי מיט שטיינער, מע שטעקט אַריין אַ פּלאָקן אין קייווער א. א. וו. אין אַווסטראַליע האָט מען געפונען אַזאַ שייוועס, וועלכער שיסט אין געוויטער־כמאַרעס

מיט אָפּגעסאַמטע פּיילן, ד. ה. ער פּרוּווט זיך ערנסט צו קעמפן מיט יענער קראַפט, וועלכע איז אין שפּעטערדיקע קולטור-שטופעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די גרויזאַמסטע און מעכטיקסטע געטער. קינדער שלאָגן יענץ אָרט, אָן וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט. און אויב די מעכטיקע און גרויזאַמע נאַטור פון אינדיע האָט שוין זייער פרי איינגעפּלאַנצט אינם מענטשנס האַרצן א שרעק און מוירע צו זיך, און די געטער פון אינדיע פאָדערן אַפילע מענטשלעכע קאָרבאָנעס, האָט די גרויע און אָרעמע נאַטור פון צאָפן-מיזרעכדיקן אייראָפּעאישן רוסלאַנד געשאַפן בא אייניקע פעלקער אַזעלכע געטער, וועלכע מע קאָן אַפילע אָפּשמייסן.

און דידאָזיקע גוטברודערשע באַציאונגען צו די אייגענע געטער דערמאַנט אָן דער באַציאונג פונם פּויער צו דער אָרטיקער מאַכט, וועלכע איז צו אים נאָענט און צוטריטלעך. ער האָט פאַר איר מוירע: זי קאָן אים אָנטון שאָדן דורך דעם אָדער יענעם מאַגישן „פּאַפּיר", אָבער בא א געלעגנהייט קאָן ער זיך מיט איר גאַנץ פיין אָפּרעכענען.

אַפן יעסאָד פונם אויבנגעזאָגטן קען מען באַשטימען דעם מעהוס פון דער רעליגיע, אלס אייגנאַרטיקע אידעאָלאָגיע פון אומבאַהאָלפנקייט. די שטופע פון רעליגיעזישקייט אין דער מאָדערנער „ציווילוזירטער" געזעלשאַפט הייגנט, אַגעוו, אָפ פונם געשלעכט, עלטער און פּראָפעסיע, אין וועלכע עס ווייזן זיך אַרויס אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס די אַקטיווקייט, דער גלויבן אין די אייגענע קויכעס אָדער, פאַרקערט, דער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט, אומבאַהאָלפנקייט, די מוירע פאַרן אומבאַוואוסטן. ס'איז אַ פאַקט, אַז פרויען, אַלס באַשעפענישן מער פּאַסיווע, אומבאהאָלפענע, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ שטיצע מיצאַד דעם מענלעכן געשלעכט, זיינען אסאך רעליגיעזער, איידער די מאַנסבלען. ווייטער, די יוגנט, אַ דרייסטע, אַ זיכערע אין זיך און אין אירע אייגענע קויכעס, וועלכע קוקט פריידיק אין דער צוקונפט, איז אַסאַך ווייניקער נויטע צו ווענדן זיך צו דער רעליגיע, איידער די אַלטע לייט, פאַר וועלכע עס שטייט אוף דער גרויזאמער געשפּענסט פונם אומפאַרמיידלעכן טויט. ענדלעך, די שטאָטישע אינדוסטריעלע אַרבעטער, וועלכע זיינען די דירעקטע שעפער אי פון די מאַשינען, אי פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי אַרבעטן אויס, זיינען מער נויטע צום מאַטעריאַליזם און צום אטעאיזם, איידער די פּויערים, וועלכע פילן זייער אָפּהיינגיקייט פון די נאַטור-קרעפטן, איבער וועלכע זיי האָבן קיין שליטע ניט.

אַפן אורשפּרינגלעכן יעסאָד פון דער רעליגיע, אַלס אידעאָלאָגיע פון אומבאהאָלפנקייט, וואַקסן ביסלעכוויס אויס יענע „אויבערגעביידן", יענע טאָפּלדיקע עלעמענטן, וועלכע ווערן גאַנץ לייכט און אָפט צונויפגעמישט מיטן עצעם מעהוס פון דער רעליגיע. ס'איז נאַטירלעך, אַז וויבאַלד נאָר דער מענטש האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט אַזעלכע דערשיינונגען אָדער קרעפטן, וועלכע זיינען מעכטיקער פאַר אים, וועלכע עס בלייבט נאָר צו פאַרגלעטן מיט טפילעס אָדער מאַטאָנעס, באַקומט ער דעריבער שפּעטער די נעטיע צו זוכן

דאַפּקע אין דידאָזיקע קרעפטן די דערקלערונג פונם אומפאַרשטענדלעכן און פונם רעטעניש־דיקן אין דער אַרומיקער וועלט. אַזוי קומט אויף די מיטאָלאָגיע, מאַיסעס וועגן געטער, ביז דער אידיש־קריסטלעכער לעגענדע וועגן דעם וועלט־באַשאַף. און יעדער מיטאָלאָגיע איז אין טאָך אַ רעליגיעזע פילאָזאָפיע, ד. ה. אַ וועלטאַנשויאונג, וועלכע באַזירט זיך אויף רעליגיע, אויף דער פּראַקטישער פאַרהעלטעניש צו גאָט. און דאָ, מיין איך, איז im Anfang war die Tat — „בעריישיס איז געווען די פּראַקטיק", און ערשט נאָך איר איז געקומען די טעאָריע — די דערקלערונג פון דער וועלט מיט דער הילף פון געטער, אָדער רוכעס, וועלכע מ'האָט געמוזט האָבן אין דער פּראַקטיק, מיט דער הילף פון אַזעלכע קויכעס, וואָס מע קאָן ניט גויווער זיין, און דעריבער זיינען זיי געטלעכע. ווייטער, די ווענדונג מיט טפילעס צו דידאָזיקע אומבאַזיגבאַרע קויכעס אָדער צו די פאַרמיטלער, די קויהאַנים, האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערן טיפ פון דיינקען: די אונטערגעוואָרפנקייט צו די קויהאַנים, אַלס די אויסטייטשער פונם העכערן ווילן, און דער אַבסאָלוטער גלויבן אין זייער אַווטאָריטעט.

דער יירעס־האַקאָוועד פאַרן מעכטיקן און אומבאַזיגבאַרן שאַפט, ענדלעך, יענעם ספּעציעלן געפיל פון האַכנאָע, דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט, דעם ביטל פונם אייגענעם איך, דאָס געפיל פון אָפּשיי, וואָס מע קאָן אָנרופן רעליגיעזער געפיל אין אייגנטלעכן זין. אָבער אַן ענלעך געפיל קען אויפקומען אויף אסאך שפּעטערע קולטור־שטופעס און אָן יעדער דירעקטער שאַיכעס צו רעליגיע. דאָס איז דאָס געפיל פון אָפּשיי פאר דער שיינקייט, פאר דער גרייסקייט פון דער נאַטור אָדער פונם מענטשלעכן גייסט, דאָס געפיל פון צונויפגיסן זיך מיטן קאָלעקטיוו, די גרייטקייט צו מויסער־נעפעש זיין זיך פארן אידעאל, ד. ה. פאר דער צוקונפט פונם זעלביקן קאָלעקטיוו, א. א. וו. די געוויסע ענלעכקייט פון די עמפּינדונגען ברענגט דערצו, וואָס אַזעלכע געפילן רופט מען אויך אָן רעליגיעזע, וואָס יעדע פייאיקייט צו מעסירעס־נעפעש, יעדן עקסטאַז האלט מען פאר אַטריבוטן פון רעליגיע, וואָס אייניקע פארגלייכן רעליגיע מיט קונסט און אפילע מיטן געשלעכט־געפיל. אין רעזולטאט פּראָקלאמירט מען דאָס רעליגיעזע געפיל אַלס די הויפּט־אייגנשאפט פון דער מענטשלעכער נאַטור, אַן אייגנשאַפט, וועלכע באַצירט און פאַראיידלט דידאָזיקע נאַטור, און יעדער קאַמף מיטן רעליגיעזן סאַם איז האָפנונגלאָז און אַפילע שעדלעך, ווייל טויטנדיק דעם „גאָט" אינעם מענטשן, טויטן מיר דאָס בעסטע אין אים.

אויב פון דער פאָרמעלער זייט איז רעליגיע די אידעאָלאָגיע פון אומבאַהאָלפנקייט, און איר כאַראַקטעריסטישער שטריך איז טכינע און טפילע, ווערט דער אינהאַלט פון רעליגיע, ד. ה. די פראַגע וועגן דעם, וועמען און וועגן וואָס צו בעטן — איינגאַנצן באַשטימט דורך דער אַרומיקער נאַטור פונם מענטשן און פון דער געזעלשאַפטלעכער סוויווע, ד. ה. דורכן כאַראַקטער און אייגנשאַפטן פון יענע קויכעס, וועלכע הערשן איבער אים, און דורך יענעם אויפן, דורך וועלכן ער קריגט אַרויס זיינע מיטלען צום לעבן.

קארל מארקס

פארוואָס האָט זיך די רעליגיע אופגעהאלטן ביז היינט.

(אויסצוג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט")

... ס'איז דען שווער צו פאַרשטיין, אַז צוזאַמען מיטן אַרט לעבן פון די מענטשן, מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש, מיט זייער געזעלשאַפטלעכן שטייגער — ענדערן זיך אויך זייערע פאָרשטעלונגען, זייערע אַנשויאונגען, באַגריפן, זייער גאַנצער באַוואוסטזיין?

וואָס דערווייזט דען די געשיכטע פון אידייען, ווען ניט דאָס, אַז די אינטעלעקטועלע טעטיקייט אנדערשט זיך איבער צוזאמען מיט דער מאטעריעלער? די הערשנדיקע אידייען פון יעדער געגעבענער צייט זיינען שטענדיק געווען בלויז די אידייען פונם הערשנדיקן קלאַס.

מע רעדט וועגן אידייען, וועלכע רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע געזעלשאַפט; דערמיט ווערט אָבער אויסגעדריקט בלויז דער פאַקט, אַז אין דער אלטער געזעלשאפט האָבן זיך אויסגעבילדעט עלעמענטן פון דער נייער אָרדנונג, אז צוזאמען מיט דער צעשטערונג פון די אלטע לעבנס-טנאָים קומט פאָר אויך די צעפאלונג פון די אלטע אידייען.

ווען די אַלטע וועלט האָט אָנגעהויבן פאַלן — זיינען די אלטע רעליגיעס באַזיגט געוואָרן דורכן קריסטנטום. ווען די קריסטלעכע אידייען האָבן אָפגעטראָטן זייער אָרט פאר די אופקלער-אידייען פונם XVIII יאָרהונדערט, האָט די פעאָדאלע געזעלשאַפט געפירט אַ קאַמף אַף לעבן און אַף טויט מיט דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. די אידייען פון געוויסן און רעליגיע-פרייהייט האָבן בלויז אויסגעדריקט מיט זיך די הערשאַפט פון פרייער קאָנקורענץ אפן געביט פון וויסנשאפט.

„נאָר — וועט מען אונז זאָגן — די רעליגיעזע, מאָראַלישע, פילאָזאָפישע, פאָליטישע, רעכטלעכע א. א. וו. אידייען האָבן זיך געענדערט, געוויינלעך, אינם גאַנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג; אָבער די עצעם רעליגיע, מאָראַל, פילאָזאָפיע, פאָליטיק, רעכט זיינען קעסיידער איינגעהיט געוואָרן בא אלע זייערע אומופהערלעכע ענדערונגען. ס'עקזיסטירן נאָך דערצו אייביקע עמעסן: פרייהייט, גערעכטיקייט א. א. וו., וועלכע געהערן אין אַ גלייכער מאָס צו אלע פאַזיסן פון דער געזעלשאפטלעכער אַנטוויקלונג. דער קאָמוניזם אָבער פארניכטעט די אלגעמיינע עמעסן. ער פאַרניכטעט אינגאַנצן רעליגיע און מאָראַל, אנשטאָט זיי איבערצואַנדערשן. מעמיילע הייסט עס, אז דער קאָמוניזם ווידערשפרעכט דעם גאנצן גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג".

פונוואַנען שטאַמט דידאָזיקע באשולדיקונג?

די געשיכטע פון אַלע ביז איצט עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן איז געווען געבויט אַף דער סטירע צווישן די קלאַסן. דידאָזיקע קלאַסן-סטירע האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען אין פארשיידענע עפּאָכעס. נאָר וואָס פאַר אַ פאָרם זי זאָל ניט אָנעמען — גייט דורך אַלע פאָריקע יאָרהונדערטן דער פאַקט, אַז איין קלאַס עקספּלואַטירט דעם צווייטן. איז טאַקע דערום קיין כידעש ניט, וואָס, ניט געקוקט אַף אלע אונטערשיידן און אַף דער גאַנצער פאַרשיידנארטיקייט פון אַלע טקופעס, האָט דער געזעלשאפטלעכער באוואוסטזיין ביז איצט זיך געדרייט אין אלגעמיינע דערקענטניש-פאָרמען, וועלכע וועלן אינגאנצן פאַרשווינדן בלויז נאָך דער פולער פארניכטונג פון קלאַסן-סטירעס.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע צערייסט ראדיקאַל מיט די עקזיסטירנדיקע פאַרמעגן-פאַרהעלטענישן; איז קיין כידעש ניט, וואָס זי רייסט אפן ראדיקאלסטן אויפן מיט די טראדיציאָנעלע אידייען.

די לעגענדע וועגן דעם וועלט-באשאף אין די הייליקע שריפטן פון די מיזרעך-פעלקער *).

טוט א פרעג בא א אידן פונם עלטערן דאָר, ווי אזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, וועט ער אייך באַלד ענטפערן מיטן פּאָסוק פון כומעש: „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ”, וואָס דער טייטש איז: צום ערשטן האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. מיינען מיינט ער דערביי, אַז אַזאַ מין קונץ האָט געקאָנט טון נאָר דער אידישער גאָט, ווייטער קיינער ניט. ווי וועט ער זיך אָבער פאַרכידעשן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אז די מאַיסע וועגן דעם, ווי אזוי די וועלט איז באשאפן געוואָרן, איז גאָר ניט אָריגינעל, אַז בא אלע פעלקער עקזיסטירן אַזעלכע לעגענדעס און אז די אידישע לעגענדע פון כומעש איז צונויפגעשטיקעוועט געוואָרן פון אנדערע פריערדיקע אַזעלכע לעגענדעס בא אנדערע פעלקער.

קעדיי צו אילוסטרירן אונזער געדאנק, וועלן מיר ברייגנען עטלעכע לעגענדעס אַזעלכע וועגן וועלט-באַשאַף.

באַ די איינוואוינער פונם אינזל סאמאָא, האוואי און טאַאיטי איז פאַרשפּרייט אַזאַ יעצירע-לעגענדע:

בערײשיס איז געווען א ווייטער יאַם, א וואַסער-שעטעך אָן א סאָף. איבערן וואַסער איז געווען אויסגעשפּרייט א הימל, וואו ס'האָט געוואוינט טאנגאלאאו מיט זיינע געטלעכע קינדער. ער האָט געשיקט זיין טאָכטער

*) לויט קונאָוון.

אין דער געשטאַלט פון א יאַם-לאַרך אויסשפּירן, וואו ס׳איז פאַראַן יאַבאָשע. דעם ערשטן מאָל האָט זי קיין יאַבאָשע ניט געפונען און זיך אומגעקערט צוריק. צום צווייטן מאָל האָט זי די יאבאָשע געפונען. אין יאַם האָט זיך באוויזן אַ גרויסער שלאַם-אינזל, פון וועלכן ס׳האָט זיך אַנטוויקלט א געדיכטע בלאָטע און שפּעטער א הארטע יאַבאָשע. שפּעטער האָט טאַנגאַלאַאו איינגעפלאַנצט געוויקסן, פון וועלכע ס׳זיינען נאָכדעם אַרויסגעקומען די ערשטע לעבעדיקע באשעפענישן. דער מענטש איז באשאפן געוואָרן גאָר צום סאָף.

באַ די איינוואוינער פון די הערוויי- און קוק-אינזלען עקזיסטירט אזא מין לעגענדע:

בעריישיס איז די ערד געווען איין גרויס וואַסער, אף וועלכער עס האָבן זיך ערטערווייס אָפּגעלייגט שלאַם-אינזלען. אף זיי האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אָ ט ע ם - ר ע ג ו נ ג. אין שלאַם איז באשאפן געוואָרן די ערשטע ווייבלעכע באַשעפעניש, פון וועלכער ס׳איז אנטשטאַנען דער מענטש.

באַ די מ א ז א י ע ר — אין מיזרעך-אַפריקע — האָט די לעגענדע וועגן דער וועלט-יעצירע גאָר אַן אנדער נוסעך:

בעריישיס איז די ערד געווען אַ וויסטער טרוקענער מידבאָר, באוואכט פון עפּעס א מין שלאַנג. איין טאָג איז אראָפּ פונם הימל נ ג א י, דער אור-פאָטער פונם שיווועט, און באַזיגט דעם שלאַנג. פונם שלאַנגס קערפּער האָט זיך א גאַס געטוּן אף דער ערד אַסאַך וואַרעם בלוט און האָט געמאַכט די ערד פרוכטבאַר. דער מענטש איז אויך אין דערדאָזיקער לעגענדע באַשאַפן צום סאָף. דעם באָכער האָט נ ג א י געמאַכט אפן הימל און אַראָפּגעלאָזט אף דער ערד. די נעקייווע, זיין ווייב, האָט געשטאַמט פון דער ערד. ער האָט זיי פריער באַזעצט אין אַן אָאזיס, ווען זיי זיינען אָבער געווען ניט געהאָרכזאַם, האָט ער זיי פאַרשיקט אין דער מידבאָר.

דער שיווועט אווארירעראַס דערציילט, אַז בעריישיס איז געווען אַ פּוסטער שטעטך באַדעקט מיט גראָז. נאָר אין מיזרעך איז געשטאַנען אַן איינזאַמער בוים. פונם דאָזיקן בוים איז אַרויס די ערשטע מענטשלעכע פּאָר.

פאַרגלייכן מיר די ערשטע צוויי לעגענדעס מיט די לעצטע, זעען מיר פאָלגנדן כילעק צווישן זיי. אין די ערשטע ווערט דערציילט, אַז די וועלט שטאַמט פון וואַסער, אין די לעצטע — אַז די וועלט שטאַמט פון דער יאבאָשע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ערשטע צוויי לעגענדעס געהערן צו שוואַטים, וועלכע האָבן געלעבט אַפן ברעג פונם יאַם און געהאט פאַר זייערע אויגן אַ גרויסן וואַסער-שעטעך; די לעצטע אָבער האָבן געלעבט אין דער וויסטעניש און געזען פאַר זיך נאָר יאבאָשע.

ווען מיר באַטראַכטן פונם דאָזיקן שטאַנדפּונקט די לעגענדע פון כומעש, זעען מיר איין, אַז זי האָט אין זיך עלעמענטן פון ביירע מינים לעגענדעס, ווי עס צו זען פון פאָלגנדיקע פּסוקים:

ערשטער פּאָסוק: „בעריישיס האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד... די פּסוקים 8—6 פון דער ערשטער פּאַרשע: „און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיין

אַ שייד-וואַנט (רקיע) אין מיטן דעם וואסער און זי זאָל אָפּטיילן וואסער פון וואסער. און גאָט האָט געמאכט די שייד-וואנט און האָט אָפּגעשיידט צווישן די וואַסערן, וואָס געפינען זיך אונטער דער שייד-וואַנט, און צווישן די וואסערן, וואָס געפינען זיך איבער דער שייד-וואנט. און ס'איז אזוי געוועו. און גאָט האָט אַ נאָמען געגעבן די שייד-וואַנט — הימל. און ס'איז געוואָרן אָוונט און ס'איז געוואָרן מאָרגן, דער צווייטער טאָג.

„און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זיך צונויפזאמלען דאָס וואַסער, וואָס אונטערן הימל אַף איין אָרט, און זאָל זיך ארויסזען די יאַבאָשע. און ס'איז אַזוי געוועו".

דאָ זעען מיר קלאָר דעם געמיש פון די יאבאָשע-לעגענדעס מיט וואסער-לעגענדעס. דערמיט קאָן מען דערקלערן די סטירעס, וואָס מיר טרעפן אין די פאַרשעס פון כומעש, וועלכע דערציילן פונם וועלט-באשאף.

פון די לעגענדעס, וואָס מיר האָבן אויבן געבראכט, זעען מיר אויך, ווי ניט אָריגינעל עס זיינען די מאַיסעס פון כומעש וועגן אַרויסטרייבן אָדאָם מיט כאַווען פון גאַניידן, וועגן דער שלאַנג, וועגן מאַבל א. א. וו.

בא איצטיקן צושטאנד פון דער וויסנשאַפט, וועלכע דערקלערט דעם ריכ-טיקן אורשפרונג פון וועלט און מענטש, ווערן אָפּגעבליאַקעוועט די אלטע פיזמוינעס וועגן וועלט-באשאף לויטן כומעש.

קאַפּיטל II

רעליגיע און קלאַסן־קאַמף

נ. לענין

סאָציאַליזם און רעליגיע.

די עקאָנאָמישע אונטערדריקונג פון די אַרבעטער רופט אומפאַרמיידלעך אַרויס און ברײנגט צו קאָלערליי מינים פון פּאָליטישער אונטערדריקונג, פון סאָציאַלער דערנידעריקונג, פאַרגרעבטקייט און פאַרטונקלונג פונם גייסטיקן און מאָראַלישן לעבן פון די מאַסן. די אַרבעטער קאָנען זיך דערשלאָגן צו אַ קלענערער אָדער גרעסערער פּאָליטישער פרייהייט פאַר זייער עקאָנאָמישער באַפרייאונג. קיין פרייהייט וועט זיי אָבער ניט אויסלייזן פון אָרעמקייט, אַרבעטלאָזיקייט און דרוק, קאָלזמאַן ס'וועט ניט אַראָפּגעוואָרפן ווערן די מאַכט פונם קאַפּיטאַל. רעליגיע איז איינער פון די מינים גייסטיקער דרוק, וועלכער ליגט אומעטום אף די פּאָלקסמאסן, וואָס זיינען פאַרמוטשעט דורך אייביק אַרבעטן אַף אנדערע, דורך נויט און איינזאַמקייט. די אָנמעכטיקייט פון די עקספּלואַטירטע קלאַסן אין קאַמף מיט די עקספּלואַטאָרן רופט אומפאַרמיידלעך אַרויס דאָס גלויבן אין אַ בעסערן יענסוועלטיקן לעבן, אַקוראַט אזוי, ווי די אָנמעכטיקייט פונם ווילדן מענטשן אין קאַמף מיט דער נאַטור רופט ארויס דאָס גלויבן אין געטער, רוכעס, וואונדער א. א. וו. דעם, וואָס ארבעט זיין גאנץ לעבן און ליידט דאַכקעס, לערנט די רעליגיע, אז ער זאָל זיין געדולדיק און געהאָרכזאם אין זיין ערדישן לעבן. דערפאר טרייסט זי אים מיט דער האָפענונג אף אַ סכאַר אין הימל. יענע אָבער, וועלכע לעבן אַף פרעמדער פראַצע — לערנט די רעליגיע צו באשעפטיקן זיך מיט צדאָקע אין זייער ערדישן לעבן. די רעליגיע לייגט זיי פאָר זייער אַ וואָלוועלע בארעכטיקונג פאר זייער גאנצער עקספּלואַטאַטאָרישער עקזיסטענץ. זי פאַרקויפט זיי ביליקע בילעטן אַף הימלשן וואוילגליק. רעליגיע איז אָפּיום פארן פאָלק. רעליגיע איז אַ מין גייסטיקער בראָנפן, אין וועלכן די שקלאַפן פון קאַפּיטאַל דערטרונקען זייער מענטשלעך געשטאלט, זייערע פאָדערונגען אף אן עטוואָס אנשטענדיקן מענטשלעכן לעבן.

נאָר אַ שקלאַף, וועלכער האָט אַנערקענט זיין שקלאַפן-לאַגע און האָט זיך אופגעהויבן צום קאַמף פאר זיין באַפרייאונג — הערט שוין אף האלב אוף צו זיין אַ שקלאַף... דער מאָדערנער באוואוסטזיניקער אַרבעטער, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אַף דער גרויסער פאַבריק-אינדוסטריע און פירט אן אופגעקלערט שטאָטיש לעבן — וואַרפט פון זיך מיט פאראכטונג אָפּ די רעליגיעזע פארורטיילן. ער לאָזט איבער דעם הימל אין רעשוס פון די גייסטלעכע און בורזשואַזע ווייצידקאסכעס. פאר זיך זעט דער אַרבעטער אויסצוקעמפן אַ בעסער לעבן דאָ אף דער ערד. דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאט שטעלט זיך אפן צאַד פון סאָציאַליזם, וועלכער פאַרייניקט די אַרבעטער צוליבן קאַמף פאר

אַ בעסער ערדיש לעבן. דערמיט גופע ציט דער סאָציאַליזם צו די וויסנשאַפט צום קאַמף מיטן רעליגיעזן נעפל און באפרייט דעם ארבעטער פונם גלויבן אין יענער וועלט.

„רעליגיע דאַרף ווערן דערקלערט פאר אַ פריוואַט זאַך". מיט דידאָזיקע ווערטער איז געוויינלעך אָנגענומען אויסצודריקן די באַציאונג פון סאָציאַליסטן צו רעליגיע. מ׳דאַרף אָדער געניי באַשטימען די באַדייטונג פון דידאָזיקע ווער־טער, זיי זאָלן ניט קאָנען אַרויסרופן קיין שום מיספארשטייענישן. מיר פאָדערן, אַז די רעליגיע זאָל זיין אַ פריוואַט-זאַך בענוגייע צו דער מעלוכע. מיר קאָ־נען אָבער בעשומאויפן ניט רעכענען די רעליגיע ווי אַ פריוואַט-זאַך בענוגייע צו אונזער אייגענער פאַרטיי. די מעלוכע טאָר ניט האָבן קיין שאיכעס צו רעליגיע. רעליגיעזע געזעלשאַפטן דאַרפן ניט זיין פארבונדן מיט דער מעלוכע־מאַכט. יעדערער דאַרף זיין אינגאַנצן פריי צו פריידיקן וואָסער אַ רעליגיע ער וויל, אָדער ניט אנערקענען קיין שום רעליגיע, ד. ה. זיין אן אטעאיסט, ווי ס׳איז געוויינלעך יעדער סאָציאַליסט. קיינע אונטערשיידן צווישן בירגער אין זייערע רעכטן, אָפהייגיק פון זייערע רעליגיעזע גלויבונגען — זיינען אַבסאָלוט ניט דערלאָזבאר. אין די אָפיציעלע דאָקומענטן דארף אומבאַדינגט אָפגעשאַפט ווערן יעדער זייכער וועגן דעם אָדער יענעם גלויבן פון די בירגער. קיינע מעלוכע-סומען טאָרן ניט ווערן ארויסגעגעבן פאר קירכלעכע און רעליגיעזע געזעלשאפטן, וועלכע דאַרפן זיין אינגאנצן פרייע און אומאָפהייגיק פון דער מאַכט פארבאנדן פון גלייכדיינקענדיקע בירגער... דאָס פולע אָפטיילן די קירך פון דער מעלוכע — אַט דידאָזיקע פאָדערונג שטעלט ארויס דער סאָציאַליסטי־שער פראָלעטאַריאַט צו דער היינטיקער מעלוכע און צו דער איצטיקער קירך.

פאַר דער פאַרטיי פונם סאָציאַליסטישן פראָלעטאַריאַט איז רעליגיע ניט קיין פריוואַט-זאַך. אונזער פאַרטיי איז אַ פאַרבאנד פון באוואוסטזיניקע פאַר־געשריטענע קעמפער פאר דער באפרייאונג פונם אַרבעטער-קלאַס. אַזאַ פאר־באנד קאָן ניט און דאַרף זיך ניט באַציען גלייכגילטיק צו אומוויסנהייט, פינצטערניש און ווילדקייט אין דער פאָרם פון רעליגיעזע גלויבונגען. מיר פאָדערן אינגאנצן אָפטיילן די קירך פון דער מעלוכע, קעדיי צו קעמפן מיטן רעליגיעזן נעפל דורך אַ ריין-אידייאישן און בלויז אידייאישן געוועהר, דורך אונזער פרעסע, דורך אונזער וואָרט. נאָר מיר האָבן געגרינדעט אונזער פאַר־באנד, די ר. ס. ד. א. פּ.,*) צווישן אַנדערע, אויך צוליב אַזאַ מין קאַמף קעגן יעטווידער רעליגיעזער אָפּנאַרעריי פון ארבעטער. פאַר אונז איז דער אידייאי־שער קאַמף ניט קיין פריוואַטער, נאָר אַן אַלגעמיין פאַרטייאישע און אַלגעמיין פראָלעטאַרישע זאַך.

אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס דערקלערן מיר ניט אין אונזער פראָגראַם, אַז מיר זיינען אטעאיסטן? פאַרוואָס פארווערן מיר ניט קיין גלויביקע אין גאָט אַריינ־צוטרעטן אין אונזער פאַרטיי?

---

*) דער ארטיקל איז געשריבן געוואָרן אין דעקאַבער 1905, ווען די באָלשעוויקעס האבן זיך נאָך גערופן ס״ד (באָלשעוויקעס).

דער ענטפער אַף דערדאָזיקער פראַגע דאַרף קלאָר מאַכן דעם זייער וויכטיקן אונטערשייד אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער און סאָציאַלדעמאָקראַטישער שטעלונג פון דער פראַגע וועגן רעליגיע.

אונזער פראָגראַם איז אינגאַנצן געבויט אַף דער וויסנשאַפטלעכער, נעמלעך, אַף דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויאונג: אין דער דערקלערונג פון אונזער פראָגראַם ווערט אַף אַ נויטווענדיקן אופן איינגעשלאָסן אויך דאָס דערקלערן די עכטע היסטאָרישע און עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם רעליגיעזן נעפל. אונזער פראָפּאַגאַנדע שליסט איין אין זיך אַף אַ נויטווענדיקן אופן אויך די פּראָפּאַגאַנדע פון אטעאיזם. אַרויסגעבן די אנטשפּרעכיקע וויסנשאפטלעכע ליטעראַטור, וועלכע איז ביז איצט געווען שטרענג פארבאָטן און פארפאָלגט דורך דער זעלבסטהערשנדיק-פּריצישער מעלוכע-מאַכט — דאַרף איצט ווערן איינער פון די צווייגן פון אונזער פאַרטיי-אַרבעט.

מיר דאַרפן, אָבער, בעשומויפן דערביי ניט אַראָפּקריכן אַף דער אַבסט-ראַקטער אידעאַליסטישער שטעלונג פון דער רעליגיעזער פראַגע, אויסער דעם קלאַסנקאַמף, אַזוי ווי ס'טוען ניט זעלטן די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטן פון דער בורזשואַזיע. ס'וואָלט געווען אן אומזין צו מיינען, אַז אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז געבויט אַף אומענדלעכער אונטערדריקונג און פארגרעבטקייט פון די אַרבעטער-מאַסן, קאָן מען מיט איינע דראָשעס צעשטרייען די רעליגיעזע פארורטיילן. ס'וואָלט געווען אַ בורזשואַזע באַגרענעצטקייט צו פאַרגעסן, אַז דער דרוק פון רעליגיע אַף דער מענטשהייט איז בלויז אַ פּראָדוקט און אן אָפּשפּיגלונג פונם עקאָנאָמישן דרוק אין דער געזעלשאפט. קיינע ביכלעך און קיינע דראָשעס וועלן ניט אופקלערן דעם פּראָלעטאריאט, אויב ער וועט ניט ווערן אופגעקלערט דורך זיין אייגענעם קאמף קעגן די פינצטערע קויכעס פונם קאַפּיטאַליזם. די איינהייט פונםווירקלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס דער אונטערדריקטער קלאַס פירט אַף צו באשאפן אַ גאַניידן אַף דער ערד — איז פאר אונז וויכטיקער, ווי די מיינונג-איינהייט פונם פּראָלעטאריאַט וועגן גאַניידן אפן הימל.

אָט פארוואָס מיר פארווערן ניט און דאַרפן ניט פארווערן פאר פּראָלע-טאַריער, וועלכע האָבן נאָך ניט אויסגעלעבט די אָדער יענע רעשטלעך פון די אלטע פארורטיילן — צו דערנעענטערן זיך מיט אונזער פאַרטיי. מיר וועלן אָבער שטענדיק פּריידיקן די וויסנשאַפטלעכע וועלטאַנשויאונג...

דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאריאט וועט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז רעליגיע זאָל ווירקלעך ווערן אַ פּריוואַט זאַך פאר דער מעלוכע. און אין דערדאָזיקער אָפּגערייניקטער פון מיטלאלטערלעכן שימל געזעלשאפטלעכער אָרדענונג וועט דער פּראָלעטאַריאַט פירן אַ ברייטן אָפענעם קאַמף פאר דער באפרייאונג פון עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג — דעם עמעסן מאָקער פון רעלי-גיעזער אָפּנאַרעריי פון דער מענטשהייט.

נ. לענין

װעגן דער באַציאונג פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי צו רעליגיע.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע בויט איר װעלטאַנשויאונג אַפן װיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, ד. ה. אַפן מאַרקסיזם. דער פילאָזאָפישער יעסאָד פונם מאַרקסיזם, װי ס׳האָבן ניט איינמאָל דערקלערט מאַרקס און ענגעלס, איז דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, װעלכער איז אָן צװייפל אַן אַטעאיסטישער און איז קאַטעגאָריש פיינטלעך צו יעדער רעליגיע... רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק — דער דאָזיקער שלאָג-געדאַנק ליגט אין יעסאָד פון דער גאנצער מאַרקסיסטישער װעלטאַנשויאונג אין דער פראַגע װעגן רעליגיע. אַלע איצטיקע רעליגיעס און קירכעס, יעטװידע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס באַטראַכט דער מאַרקסיזם אַבסאָלוט װי אָרגאַנען פון בורזשואַזער רעאַקציע, װעלכע דינען אַף צו פאַרטיידיקן די עקספּלואַטאַציע און צו פאַרטומלען דעם אַרבעטער-קלאַס.

און אין דערזועלביקער צייט האָט ענגעלס ניט איינמאָל פאַרורטיילט די פּרואװן פון יענע, װעלכע האָבן געװאָלט זיין „לינקער״ אָדער „רעװאָלוציאָנערער״ פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און אַריינטראָגן אין דער פּראָגראַם פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי אַ פּונקט װעגן אַטעאיזם, אלס מילכאָמע-דערקלערונג קעגן דער רעליגיע.

ענגעלס האָט אין 1874 יאָר געשריבן װעגן דעם מאַניפעסט פון די קאָמונע-אַנטרונענע, װעגן די בלאַנקיסטן, װעלכע האָבן דאַן געװאוינט אין עמיגראַציע אין לאָנדאָן, אַז ס׳איז געװען אַ נאַרישקייט דאָס, װאָס זיי האָבן אזוי ראַשיק דערקלערט אַ מילכאָמע דער רעליגיע.

ענגעלס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אזאַ מין מילכאָמע-דערקלערונג איז דאָס בעסטע מיטל אופצולעבן דעם אינטערעס צו רעליגיע און פאַרשװעריקן די װירקלעכע אָפּשטאַרבונג פון רעליגיע. ענגעלס באַשולדיקט די בלאַנקיסטן אין דעם, װאָס זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז בלויז דער קלאַסן-קאַמף פון די אַרבעטער-מאַסן, װעלכער ציט אַלזייטיק אַריין די ברייטסטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער באַװאוסטזיניקער און רעװאָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק — איז אימשטאַנד בעפויעל צו באַפרייען די אונטערדריקטע מאַסן פונם רעליגיעזן דרוק. דאָס פּראָקלאַמירן דעם קאַמף מיט רעליגיע, אַלס פּאָליטישע אופגאַבע פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי — איז בלויז אַן אַנאַרכיסטישע פראַזע...

אין 1877 יאָר האָט ענגעלס אין „אַנטי-דיורינג״ אומבאַראַכמאָנעסדיק קריטיקירט די קלענסטע האַנאָכעס מיצאַד דיורינגען דעם פילאָזאָף דעם אידעאַליזם און דער רעליגיע. ענגעלס האָט אָבער ניט װייניקער אַנטשיידן פאַרורטיילט דיורינגס קלוימערשטע רעװאָלוציאָנערע אידייע װעגן פאַרװערן רעליגיע

אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ענגעלס האָט געפאָדערט פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי, אַז זי זאָל קאָנען געדולדיק אַרבעטן אַף דער זאַך פון אָרגאַניזירן און אופקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט. דאָס גופא וועט שוין פירן צו דער אָפּשטאַרבונג פון רעליגיע. מ׳דאַרף זיך אָבער ניט וואַרפן אין קיין אַוואַנטיורעס פון פּאָליטישן קאַמף מיט רעליגיע.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אַריין אין בלוט און פלייש פון דער דייטשישער ס. ד. „דאָס דערקלערן די רעליגיע אַלס פּריוואַט-זאַך״ — דער דאָזיקער באַרימטער פּונקט פון ערפורטער פּראָגראַם (1891) האָט פאַרפעסטיקט די אָנגעוויזענע פּאָליטישע טאַקטיק פון דער ס. ד.

די דאָזיקע טאַקטיק האָט איצט אַרויסגערופן אַ נייע פאַרקריפּלונג פון דעם מאַרקסיזם אין דער זייט פון אָפּאָרטוניזם. מ׳האָט אָנגעהויבן טייטשן די ערפורטער פּראָגראַם אין דעם זין, אַז מיר, ס. ד., און אונזער פּאַרטיי ר ע כ ע נ ע ן רעליגיע פאַר א פּריוואַטע זאַך. ניט אַריינטרעטנדיק אין א דירעקטער פּאָלעמיק מיטן דאָזיקן אָפּאָרטוניסטישן קוק, האָט ענגעלס אין די 1890 יאָרן גערעכנט פאַר נייטיק אַנטשיידן אַרויסצוטרעטן אַנקעגן אים ניט אין קיין פּאָלעמישער, נאָר אין אַ פּאָזיטיווער פאָרם. ער האָט מיט אַ קיוון אונטערגעשטראָכן, אַז די ס. ד. רעכנט רעליגיע ווי אַ פּריוואַט-זאַך בענוגע צו דער מעלוכע, אָבער ניט בענוגע צו זיך, ניט בענוגע צו דער אַרבעטער-פּאַרטיי...

מאַרקסיזם הייסט מאַטעריאַליזם. אַלס אַזעלכער איז ער פּונקט אזוי פיינטלעך צו רעליגיע, ווי דער מאַטעריאַליזם פון די ענציקלאָפּעדיסטן אין XVIII יאָרהונדערט, אָדער דער מאַטעריאַליזם פון פייערבאַכן. דאָס איז אָן צווייפל. נאָר דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם פון מאַרקסן און ענגעלסן גייט ווייטער פון די ענציקלאָפּעדיסטן און פון פייערבאַכן. ער ווענדט אָן די מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע צום געביט פון געשיכטע, צום געביט פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. מיר דאַרפן קעמפן מיט רעליגיע. דאָס איז דער אַלעפבייס פונם גאַנצן מאַטעריאַליזם און, מעמילע, אויך פון מאַרקסיזם.

נאָר דער מאַרקסיזם איז ניט קיין מאַטעריאַליזם, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם אלעפבייס. דער מאַרקסיזם גייט ווייטער. ער זאָגט: מ׳דאַרף ק אָ נ ע ן קעמפן מיט רעליגיע. מ׳דאַרף צוליבדעם מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש דערקלערן דעם מאָקער פון גלויבן און פון רעליגיע בא די מאַסן. מ׳קאָן ניט באַגרענעצן דעם קאַמף מיט רעליגיע מיט אַבסטראַקט-אידעאָלאָגישע דראָשעס. מ׳דאַרף דעמדאָזיקן קאַמף שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנקרעטער פּראַקטיק פון דער קלאַסנבאַוועגונג, וועלכע איז געריכטעט אַף צו באַזייטיקן די סאָציאַלע וואָרצלען פון רעליגיע. פאַרוואָס האַלט זיך רעליגיע בא די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פונם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, באַ די ברייטע שיכטן פונם האַלב-פּראָלעטאַריאַט, ווי אויך בא דער פּויערשער מאַסע? צוליב דער אומוויסנקייט פון פאָלק, — ענטפערט דער בורזשואזער פּראָגרעסיסט, דער ראַדיקאַל אָדער בורזשואזער מאַטעריאַליסט. הייסט עס, אַראָפּ רעליגיע, זאָל

לעבן אַטעאיזם! אונזער הויפּט-אויפגאַבע איז צו פאַרשפּרייטן אַטעאיסטישע אַנשויאונגען.

דער מארקסיסט זאָגט: ניט עמעס. אַזא מין קוק איז אַ אויבנויפיקע, בורזשואַז-באַגרענעצטע קולטורטרעגעריי. אַזא מין קוק דערקלערט ניט גענוג טיף, ניט מאטעריאַליסטיש, נאָר אידעאַליסטיש — די וואָרצלען פון רעליגיע. אין די מאָדערנע קאפּיטאַליסטישע לענדער זיינען דידאָזיקע וואָרצלען הויפּטזעכלעך ס אָ צ י אַ ל ע. די סאָציאַלע דערשלאָגנקייט פון די ארבעטנדיקע מאַסן, זייער זיך-דוכטנדיקע אומבאַהאָלפנקייט פאַר די בלינדע קויכעס פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכער פאַרשאַפט פאַרן פּאָשעטן ארבעט-מאַן יעדן טאָג און יעדער שאָ די סאמע שרעקלעכסטע יעסורים און ווילדסטע ליידן אין טויזנטער מאָל מער, איידער קאָלערליי אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, ווי מילכאָמעס, ערדציטערנישן א. א. וו., — אָט אין וואָס ס'ליגט דער סאמע טיפסטער מאָדערנער וואָרצל פון רעליגיע. „שרעק האָט באַשאַפן געטער". די שרעק פאַר דער בלינדער קראַפט פונם קאַפּיטאַל (זי איז בלינד, ווייל זי קאָן ניט ווערן פאָרויסגעזען דורך די פאָלקסמאַסן, אַף יעדן לעבנסטריט פונם פּראָלעטאַריער און פונם קליינאייגנטימער דראָט זי אים צו ברענגען און ברענגט אַ „פּלוצלינגדיקע", „אומגעריכטע", צופעליקע" רואינירונג, אונטערגאַנג, פאַרוואַנדלונג אין אָן אָרעמאַן, אין אַ פּראָסטיטוטקע, אַ הונגעריקן טויט) — אָט וואו ס'ליגט דער וואָרצל פון דער מאָדערנער רעליגיע, וועלכן ס'דאַרף פריער און מער פון אַלץ האָבן אין זינען דער מאַטעריאַליסט, אויב ער וויל ניט בלייבן קיין מאטעריאַליסט פונם צוגרייטונג-קלאַס. קיין אויפקלערונג-ביכל וועט ניט אויסוואָרצלען די רעליגיע בא די דערשלאָגענע דורך דער קאַפּיטאַליסטישער קאַטאָרגע מאַסן, וועלכע הייגגען אָפּ פון די בלינדע צעשטערנדיקע קויכעס פון קאַפּיטאַליזם — קאָלזמאַן דידאָזיקע מאַסן וועלן זיך ניט אויסלערנען פאַרייניקט, אָרגאַניזירט, פּלאַנמעסיק, באַוואוסטזיניק צו קעמפן קעגן דעמדאָזיקן וואָרצל פון רעליגיע, קעגן דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל אין אַלע פאָרמען.

צי דרינגט דערפון ארויס, אַז אַן אויפקלערונג-ביכל קעגן רעליגיע איז שעדלעך אָדער איבעריק? ניין. ס'דרינגט ארויס דערפון גאָר ניט דאָס. עס דרינגט ארויס, אַז די אַטעאיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע דאַרף זיין אונטערגעוואָרפן איר גרונט-אויפגאַבע: דער אַנטוויקלונג פונם קלאַסנקאַמף פון די עקספּלואַטירטע מאַסן קעגן די עקספּלואַטאָרן.

ווער ס'האָט זיך ניט ארייַנגעטראַכט אין די גרונט-יעסוידעס פונם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, ד. ה. פון דער פילאָזאָפיע פון מאַרקס-ענגעלס — קאָן דאָס ניט באַגרייפן. וואָס הייסט דאָס? די אידייאישע פּראָפּאַגאַנדע, דאָס פריידיקן געוויסע אידייען, דעם קאַמף מיט יענעם סוינע פון קולטור און פּראָגרעס, וועלכער (דער סוינע) האַלט זיך שוין טויזנטער יאָרן (ד. ה. מיט רעליגיע) — אונטערוואַרפן דעם קלאַסנקאַמף, ד. ה. דעם קאַמף פאַר באַשטימטע פּראַקטישע צילן אינם עקאָנאָמישן און אינם פּאָליטישן געביט?

אַזא מין דערווידערונג געהערט צו יענעם מין טראַפּאַרעטע דערווידערונגען קעגן מאַרקסיזם, וועלכע צייגן, אַז די דערווידערער האָבן קלאל ניט פאַרשטאַנען די מאַרקסישע דיאַלעקטיק. דער ווידערשפּרוך, וועלכער באַאומרואיקט יענע, וועלכע דערווידערן אף אַזא אויפן — איז אַ לעבעדיקער ווידערשפּרוך פונם לעבעדיקן לעבן, ד. ה. אַ דיאַלעקטישער, ניט קיין ווערטערלעכער, ניט קיין אויסגעטראַכטער ווידערשפּרוך. אָפּטיילן מיט אַן אַבסאָלוטן גרענעץ די טעאָרעטישע פּראָפּאַגאַנדע פון אַטעאיזם, ד. ה. די צעשטערונג פון רעליגיעזע גלויבונגען באַ געוויסע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, און דעם דערפאָלג, גאַנג, באַדינגונגען פון קלאַסנקאַמף פון די דאָזיקע שיכטן — הייסט דיינקען ניט דיאַלעקטיש, פאַרוואַנדלען אַ באַוועגלעכן רעלאַטיוון גרענעץ אין אַן אַבסאָלוטן, דאָס הייסט מיט גוואַלד פאַנאַנדערייסן דאָס, וואָס איז אומצעררייסבאַר פאַרבונדן אין דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. לאָמיר בעמען אַ געוויסן געביט אָדער צווייג פון אינדוסטריע. דער פּראָלעטאַריאַט טיילט זיך דאָרט, לאָמיר זאָגן, אף אַ פאָרגעשריטענעם טייל פון גאַנץ באַוואוסטזיניקע ס. ד., וועלכע זיינען, פאַרשטענדלעך, אַטעאיסטן, און אף גאַנץ אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך פאַרבונדן מיטן דאָרף און מיטן פויערטום און וואָס גלויבן אין גאָט, גייען אין קירך, אָדער געפינען זיך אפילע אונטערן דירעקטן איינפלוס פונם אָרטיקן גאַלעך, וועלכער אָרגאַניזירט לאָמיר זאָגן, אַ קריסטלעכן אַרבעטער-פאַריין. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף אין אַזא אָרט האָט געבראַכט צו אַ שטרייק. פאַר אַ מאַרקסיסט איז אָבליגאַטאָריש דעם דערפאָלג פון דער שטרייק-באַוועגונג אוועקצושטעלן אפן ערשטן פּלאַן. ער דאַרף אנטשיידן זיך ווידערשטעלן קעגן פאַנאַנדערטיילן די אַרבעטער אינם דאָזיקן קאַמף אף אַטעאיסטן און קריסטן. די אַטעאיסטישע פּריידיקונג קאָן באַ אַזעלכע באַדינגונגען זיך אַרויסווייזן אי איבעריק, אי שעדלעך — ניט פונם שטאַנדפּונקט פון באַלעבעסלדיקע סוואָרעס וועגן ניט אָפּשרעקן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן, וועגן פאַרלירן אַ מאַנדאַט באַ די וואַלן א. א. וו., נאָר פון שטאַנדפּונקט פון ווירקלעכן פּראָגרעס פון קלאַסנקאַמף, וועלכער קאָן אין היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין הונדערט מאָל גיכער ברייינגען די קריסטלעכע אַרבעטער צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און אַטעאיזם, איידער אַ הוילע אַטעאיסטישע דראָשע. אַן אַנאַרכיסט וואָלט אין אַזא אומגעבונג מיט זיין פּריידיקן אין אַזא מאָמענט ניט אַנדערש ווי קאַמף מיט גאָט — מיטגעהאָלפן בעפּויעל די גייסטלעכע און דער בורזשואזיע (די אַנאַרכיסטן העלפן בעפּויעל דער בורזשואזיע). אַ מאַרקסיסט דאַרף זיין אַ מאַטעריאַליסט, ד. ה. אַ סוינע פון רעליגיע. ער דאַרף אָבער זיין אַ דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט, ד. ה. ער דאַרף שטעלן דעם קאַמף מיט רעליגיע ניט אַבסטראַקט, ניט אפן באָדן פון אַבסטראַקטער, ריין-טעאָרעטישער פּריידיקונג, נאָר קאָנקרעט, אפן באָדן פון קלאַסנקאַמף, וועלכער קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט און וועלכער דערציט די מאַסן בעסער און מער פון אַלץ. אַ מאַרקסיסט דאַרף קאָנען נעמען אין כעשבן די גאַנצע קאָנקרעטע

אומגעבונג, ער דארף שטענדיק קאָנען געפינען דעם גרענעץ צווישן אַנאַרכיזם און אָפּאָרטוניזם (דערדאָזיקער גרענעץ איז א רעלאַטיווער, א באַוועגלעכער, אַ זיך בייטנדיקער, אָבער ער עקזיסטירט). ער דארף ניט אריינפאַלן אין אַב־סטראַקטן, ווערטערלעכן און אינדערעמעסן פּוסטן „רעוואָלוציאָנעריזם" פונם אַנאַרכיסט, און ניט אין דער באַלעבעסלדיקייט און אָפּאָרטוניזם פונם קליינ־בורזשוי אָדער ליבעראַלן אינטעליגענט, וועלכער ציטערט פארן קאַמף מיט רעליגיע, וועלכער פאַרגעסט וועגן דערדאָזיקער אויפגאַבע און מאַכט שאָלעם מיטן גלויבן אין גאָט; וועלכער רעכנט זיך ניט מיט די אינטערעסן פון קלאַסנ־קאַמף, נאָר מיט דער קליינלעכער מיזערער אויסרעכענונג: ניט באַליידיקן, ניט אָפּשטויסן, ניט אָפּשרעקן; מיטן איבערקלוגעטשקן קלאַל: „לעב און לאָז אַנ־דערע לעבן" א. א. וו., א. ד. ג.

פּ. לאפארג

די עקאָנאָמישע סיבעס, פארוואָס די בורזשואזע קלאסן זיינען רעליגיעז.

קעדיי קלאָר צו מאכן די סיבעס, פארוואָס די בורזשואזיע איז רעליגיעז— דארף מען קוידעמקאָל זיך אָפּשטעלן אַף דער ראָלע, וואָס די רעליגיע האָט געשפּילט אינעם לעבן פון דער געזעלשאפט.

די בורזשואזיע צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי שאפט אירע רייכ־קייטן ניט דורך איר אייגענער אַרבעט, נאָר דורך דער אַרבעט פון געדונגענע אַרבעטער. די אומיטלבאַרע פּראָדוצירער באַקומען פון זייער פּראצע בלויז אזויפיל, וויפל ס'איז נייטיק פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַר דער פאָרזעצונג פון זייער מין. אַלע רייכקייטן, וואָס די אַרבעטער שאַפן, ווערן פאַרכאפּט דורך דער בורזשואַזיע. ווען די באַרבארישע פעלקער פלעגן אַמאָל איינעמען און באַרויבן א שטאָט—פלעגן זיי דאָס גאַנצע אָנגערויבטע גוטס צעטיילן, לויט מעגלעכקייט, אַף גלייכע טיילן צווישן די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטיי־ליקט אינעם איינעמען די שטאָט. אין דער איצטיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג אָבער באַזיצט די בורזשואַזיע אַלע רייכקייטן פונם לאַנד. קיינער אָבער פונם בור־זשואַזן קלאַס ריזיקירט מיט גאָרניט באַם שאפן דידאָזיקע רייכקייטן. דידאָזיקע מעג־לעכקייט צו שאפן זיך די קאָלאָסאלסטע רייכקייטן אן קיין שום ריזיקע און קאָרבאָ־נעס—איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דער מאָדערנער קולטור. די רויב, וואָס ווערט אָפּגענומען בא די פּראָדוצירער, ווערט ניט צעטיילט אַף גלייכע טיילן, לויט א גורל. די „דעראָבערער" צעטיילן צווישן זיך די רויב אין דער פאָרם פון אַרענדע־צאָלונג, רענטע, דיווידענדן, פּראָצענטן און רעווען פון די

אינדוסטריעלע און האנדלס-אונטערנעמונגען, אָפּהייגניק פון דער גרייס פון באוועגלעכן און אומבאוועגלעכן אייגנטום, וואָס יעדער בורזשוא פאַרמאָגט.

אייגנטום און קאַפּיטאַל-באַזיץ, אָבער ניט די אָדער יענע פיזישע אָדער גייסטיקע אייגנשאַפטן — אָט דאָס איז דער נייטיקער טנאַי אַף צו באַקומען דאָס רעכט אַף א געוויסן טייל פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט. אַ זויג-קינד קאָן באַזיצן דיזעלביקע רעכט, וואָס א דערוואַקסענער. די פאַרטיילונג פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט קומט פאָר ניט צווישן מענטשן, נאָר צווישן אייגנ-טימער. דער מענש איז א נול. דאָס אייגנטום איז אַלץ.

אייניקע פאַרגלייכן דעם קאַמף, וועלכער קומט פאָר צווישן דער בורזשו-אַזיע באַם פאַרטיילן דאָס פאָלקס-רייכטום, מיט דארווינס קאַמף פאַרן קיעם, וועלכער הערשט אין דער כאַיעס-וועלט. צווישן סאָציאַלן קאַמף און דעם קאַמף פאַרן קיעם איז אָבער ניטאָ קיין שום געמיינזאַמעס. דאָרט איז דער ניצחון אַפּן צאַד פון קראַפט, געשיקטקייט, דרייסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט, פאַרשטאַנד. אין סאָציאַלן קאַמף האַלט אַף דעם זיג דאָס אייגנטום. בלויז דאָס אייגנטום פאַרזיכערט פאַר יעדן בורזשואַ זיין כיילעק אינם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט. דער קאַפּיטאַל קאָן ווערן גרעסער אָדער קלענער, און אין העסקעם דערמיט וועט דער באַזיצער פונם קאַפּיטאַל האָבן א גרעסערן אָדער קלענערן כיילעק אין דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום. דערביי פאָדערט זיך אָבער פון אים ניט קיין שום אַנטייל, ניט קיין פיזישער און ניט קיין גייסטיקער, אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מ׳קאָן פאַקטיש זאָגן, אַז דורך שאַרלאַטאַניזם, אינ-טריגעס, שווינדלעריי קאָן דער בורזשוא באַקומען א גרעסערן רעווער, ווי ס׳דערלויבט אים זיין קאַפּיטאַל. אין אַזאַ פאַל באַגאַנוועט דער בורזשואַ זיינע ברידער פונם אייגענעם קלאַס.

דער קאַמף צווישן כאַיעס פירט צו פאַרפאָלקאָמונג און פּראָגרעס. דער קעגנזייטיקער קאַמף צווישן די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע איז דער מאָקער פון דעגראַדאַציע.

די סאָציאַלע מיסיע פון דער בורזשואַזיע אָנצואייגענען זיך די פּראָדוקטן פון געדונגענער אַרבעט פאַרוואַנדלט זי אין אַ קלאַס פון ליידיקגייערס און פוסטעפּאַסניקעס. אויסער א קליינער צאָל מענטשן, וואָס ווערט מיט דער צייט אַלץ ווייניקער, באַטייליקט זיך ניט דערדאָזיקער קלאַס אינם שאַפן רייכטימער. די אַרבעט, וואָס דערדאָזיקער קלאַס פילט אויס, אַנטשפּרעכט ניט דעם כיילעק פונם געזעלשאַפטלעכן פּראָדוקט, וואָס ער באַקומט.

די בורזשואַזיע קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון איר פּאַראַזיטן-לעבן. דאָס וואָלט געהייסן אַליין זיך אונטערשרייבן א טויט-אורטייל. דערפאַר טאַקע גיט זי די נאַטורפאָרשערס פולע פרייהייט פון וויסנשאַפט, קעדיי זיי זאָלן ניט זיין באַ-גרענעצט מיט קיינע דאָגמאַטן פון רעליגיע און זאָלן קאָנען פריי און גרינטלעך אויסלערנען די נאַטור, וועלכע שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע באַם שאַפן פאַר איר רייכטימער. פון דער אַנדער זייט אָבער פאַרווערט זי אירע עקאָנאָמיסטן, פילאָזאָפן, היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן און פּאָליטיקער אָביעקטיוו אויסצושטודירן

דאָס סאָציאַלע לעבן. זי צווינגט זיי, פאַרקערט, אויסצוגעפינען וויסנשאפטלעכע גרונטן אַף צו באַרעכטיקן זייערע פענאָמענאַלע רייכטימער.

קעדיי איינצוהיטן די הערשנדיקע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג — איז דער בורזשואַ פאַרינטערעסירט דערין, אַז די אַרבעטער זאָלן מיינען, אַז זיין רייכקייט איז א באַלוינונג פאַר זיינע פּילצאָליקע מאַילעס. אינדערעמעסן, גלויבט ער אליין אויך ווייניק דערין, אז זיין וואוילשטאנד איז א באַלוינונג פאַר זיינע גייסטיקע מאַילעס. דאָס איינציקע, וואָס אינטערעסירט אים, איז די פראגע וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל בלייבן בא די אלע רייכקייטן, וועלכע ער פארמאָגט איצט. ער באַרואיקט זיך גערן אַפן געדאַנק, אַז אויב ער וואָלט אַפילע פאַרלוירן זיין רייכקייט, וואָלט דאָס פּאסירט אָן קיין שום שולד פון זיין זייט.

דער בורזשואַ זעט שטענדיק, ווי אזוי ס'ווערן באשאפן און ווי אזוי ס'פארשוואונדן רייכקייטן. די סיבעס פון דידאָזיקע דערשיינונגען שרייבט מען צו דעם צופאל, דעם ווילן פונם בלינדן גוירל.

ס'איז ניטאָ קיין שום האָפענונג, אַז דער בורזשואַ וועט ווען ס'ניט איז פארשטיין דעם מעכאניזם, ווי אזוי ס'ווערט פארטיילט דאָס געזעלשאפטלעכע רייכטום. מיט דער אנטוויקלונג פון דער מאַשין-פּראָדוקציע פארלירט דאָס אייגנטום זיין פּערזענלעכן כאראקטער און ווערט פארוואנדלט אין דער קאָלעקטיווער פאָרם פון אַקציאָנערע געזעלשאפטן. זייערע קאַפּיטאלן, וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין די אונטערנעמונגען, ווערן ענדגילטיק דערטרונקן אין וואַסערלויף פון דער בירזשע. די אַקציעס גייען דאָרט איבער פון האנט צו האנט. ניט דער קוינע און ניט דער סויכער זעען פאר זיך קיינמאָל ניט דאָס אייגנטום, וואָס איז פארקערפּערט אין די אַקציעס. זיי ווייסן אַפילע ניט גענוי, וואו, אין וואָס פאר אן אָרט דאָסדאָזיקע אייגנטום געפינט זיך. מ'בייט זיך מיט אַקציעס. מ'פארקויפט זיי. אייניקע פארלירן דערביי, אנדערע געווינען. דאָס איז א מין שפּיל. די בירזשע-אָפּעראציעס רופט מען טאקע „בירזשע-שפּיל". די גאַנצע מאָדערנע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז דורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ צו פארוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין א קאָלאָסאלן אינטערנאציאָנאלן שפּיל-הויז, וואו בורזשויען פארשפּילן און געווינען קאפּיטאלן, אָפּהייענגיק פון לאכלוטן אומבאוואוסטע געשעענישן, וועלכע מ'קאָן ניט דיסקאָנטירן און ניט פּאָרויסזאָגן, נאָר וועלכע הייסן אויסשליסלעך אָפּ פונם „צופאל", פון „גליק". דאָס „אומבאגרייפלעכע" הערשט אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, ווי אין שפּיל-הייזער.

דאָס „אומבאגרייפלעכע" אינם סאָציאַלן לעבן רינגלט אַרום דער בורזשוא פון אַלע זייטן, אַזוי ווי די געהיימניספולע דערשיינונגען פון דער נאטור האָבן אַרומגעפלאָכטן דעם ווילדן מענטשן. אלע, אָדער קימאט אַלע דערשיינונגען פונם מאָדערנעם קולטורעלן לעבן אַנטוויקלען אינם בורזשואַ די אבערגלויבישע און מיסטישע רעגילעס אַלץ צו דערקלערן מיט צופעליקייט, ווי דאָס טוט דער שפּילער. לאָמיר נעמען, לעמאָשל, קרעדיט, אָן וועלכן ס'קאָן ניט עקזיסטירן קיין איין אינדוסטריעלע אָדער האַנדלס-אונטערנעמונג. פארן קרעדיטאָר איז

דאָס אַן אַקט פון גלויבן אין צופאַל, אין „אומבאַוואוסטן". ער האָט ניט קיין שום פּאָזיטיווע גאַראַנטיעס דערין, אַז זיין דעביטאָר וועט אין איין שיינעם פרימאָרגן זיך ניט אַרויסווייזן פאַר באַנקראָט. צאָל-פּייאיקייט הייגנט דאָך אָפּ פון טויזנטער צופעליקייטן, וועלכע קיינער קאָן ניט פאָרויסזען און פאָרויסטרעפן.

אַ ריי אַנדערע טאָגטעגלעכע עקאָנאָמישע דערשיינונגען פאַרפעסטיקן באַם בורזשואַ דאָס גלויבן אין עפּעס אַ געהיימניספולן וועזן, אַ פריייען פון יעטווידער מאַטעריעלער סובסטאַנץ. אַלס ביישפּיל וועלן מיר אָנווייזן אָף יענעם סאָציאַלן קויעך, וועלכער איז פאַרקערפּערט אין קרעדיט-פּאַפּירן און אין באַנק-ווערטן. מיר האָבן פאַר זיך אַ נעבעכדיק שטיקל פּאַפּיר, וואָס קיינער וואָלט זיך אַפילע ניט אָנגעבויגן עס אופצוהייבן, ווען ס'זאָל ניט פאַרמאָגן די מאַגישע קראַפט צו שאַפן פאַר איר באַזיצער די סאַמע רעאַלע און ווערטפולע וואָילאַרטיקלען פונם קולטורעלן לעבן: ברויט, פלייש, וואוינונג, בעסטע וויינען, עקיפּאַזשן, פּרויען, געזונט, באַרימטקייט, קאָוועד און אַנדערע פאַרגעניגן. גאָט אַליין וואָלט ניט געקאָנט געבן מער דערפון. דאָס גאַנצע לעבן פונם בורזשואַ איז אויסגעפלאָכטן פון מיסטיציזם.

די עקאָנאָמישע וועלט איז פאַרן בורזשואַ פול מיט ניט-דערלייזבאַרע רעטענישן און סוידעס. דער קאַפּיטאַליסט האָט מיט דער הילף פון זיינע געלערנטע איינגענומען די קויכעס פון דער נאַטור. ער איז אָבער פול מיט מוירע פאַר די אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים ווירקונגען פון די עקאָנאָמישע קויכעס. ער הייבט אָן גלויבן, אַז די סיבעס פון די עקאָנאָמישע דערשיינונגען זיינען פאַר אים אַזוי אומבאַגרייפלעך, ווי גאָט, ער רעכנט דעריבער פאַרן קלוגסטן—מיט אונטערטעניקייט אופנעמען אומגליקן, און מיט דאַנקבאַרקייט— אופנעמען גליק. איינעם מיט איעוון זאָגט ער: „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען, זאָל זיין געבענטשט זיין נאָמען". די עקאָנאָמישע קויכעס מאָלן זיך אין זיין פאַנטאַזיע, ווי גוטע און שלעכטע שילוכים.

אָנאייגענען זיך די רייכטימער, וועלכע ווערן באַשאַפן דורך דער אַרבעט פון לוין-אַרבעטער — רעכנט דער בורזשואַ ניט פאַר אומגערעכטיקייט. פאַר-קערט, ער רעכנט דאָס פאַר דער העכסטער גערעכטיקייט און קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז גאָט אָדער עמעץ אַנדערש זאָלן זיך האַלטן באַ אַן אַנדער מיינונג. טאָמער פאָדערן די אַרבעטער פאַרט, אַז מ'זאָל אויסבעסערן זייער לאַגע — האָט דער בורזשואַ קעגן דעם אַן אייצע. ער זאָגט צו די אַרבעטער קאָלערליי גליקן אָף יענער וועלט, וואו זיי וועלן זיך פילן אַזוי גוט, ווי עכטע בורזשויען. דאָס איז דער וואָלוועלסטער און בעסטער מיטל פאַרן בורזשואַ זיך אַרויסצודרייען פון די פאָדערונגען, וואָס די אַרבעטער שטעלן אַרויס.

דאָס גלויבן אין גאָט און אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נעשאָמע זיינען באַם בורזשואַ פאַרבונדן מיט זיין גאַנצער סאָציאַלער סוויווע. דער בורזשואַ וועט זיך באַפרייען דערפון בלויז ווען ער וועט פאַרלירן די מעג-לעכקייט צו אָנאייגענען זיך פּראָדוקטן פון פרעמדער פּראַצע און ווען ער וועט פון אַ פּאַראַזיט פאַרוואַנדלט ווערן אין פּראָדוקטיוון אַרבעטער.

ּפ. לאַפאַרג

די סיבעס, פאַרוואָס דער ּפראָלעטאַריאַט איז ניט רעליגיעז.

די מאַשין-ּפראָדוקציע רופט אַרויס באַ דער בורזשואַזיע אַ רעליגיעז געפיל. אַפן ּפראָלעטאַריאַט האָט זי אַ פאַרקערטע ווירקונג.

פאַרן קאַּפיטאַליסט איז גאַנץ נאַטירלעך, אויב ער גלויבט אין האַשגאָכע, אין אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט, וועלכע זאָרגט פאַר זיינע נויטן. ער גלויבט אין גאָט, וועלכער האָט צווישן מיליאָנען גראַד אים אויסגעקליבן קעדיי צו באַשיינקען אים מיט אַלע מעגלעכסטע כסאָדים פאַר זיין פוילקייט און געזעלשאַפטלעכע לויאיצלאַכדיקייט. פאַרן ּפראָלעטאַריער איז, פאַרקערט, נאַטירלעך, וואָס ער פאַרלירט יעטווידער גלויבן אין דער געטלעכער האַשגאָכע, ווייל ער זעט ניט, אַז דער פאָטער אין הימל זאָל אים צושיקן יעדן טאָג כאָטש טרוקן ברויט, מעג ער אַפילע מיספּאַלעל זיין גאַנצענע טעג און נעכט. זיין נישטיקן אַרבעטלוין, אַף וועלכן ער שאַפט פאַר זיך די מיטלען צום לעבן — מוז ער אויסאַרבעטן מיט די אייגענע הענט. אויב ער וועט ניט אַרבעטן — וועט אים קיין גאָט אין הימל און קיינע פילאַנטראָפן אַף דער ערד ניט ראַטעווען פון הונגער-טויט. אינם ּפראָלעטאַריערס לעבן טרעפן זיך ניט אַזעלכע גליקלעכע צופאַלן, ווי באַם בורזשואַ. ס'ּפאַסירט מיט אים ניט, אַז עּפעס אַן אויסערלעכער קויעך זאָל אים, ווי מיט אַ צויבער-שטעקעלע, אַרויסרייסן פון אָרעמקייט און אַוועקשטעלן אַפן שּפיץ פון וואוילגליק. ער ווערט געבוירן אַ ּפראָלעטאַריער, ווי אַ ּפראָלעטאַריער לעבט ער אָּפ זיין גאַנץ לעבן און ווי אַ ּפראָלעטאַריער וועט ער שטאַרבן. זיינע אַלע שטרעבונגען און האָפענונגען אין היינטיקער געזעלשאַפט גייען ניט ווייטער ווי העכערן דעם אַרבעטלוין און זיין געזיכערט מיט אַרבעט אַפן גאַנצן לעבן. אינם לעבן פונם ּפראָלעטאַריער זיינען ניטאָ יענע פאַרענדערלעכקייטן פונם שיקזאַל, יענע גליקלעכע ניט פאָרויסגעזעענע צופעליקייטן, וועלכע רופן אַרויס אין דעם בורזשואַ אַ נעטיע צום מיסטיציזם.

דער אַרבעטער, וועלכער איז באַשעפטיקט אין דער גרויס-ּפראָדוקציע, איז נאָך ווייניקער, ווי דער בורזשואַ, אונטערגעוואָרפן דער ווירקונג פון דער אויסערלעכער נאַטור, וועלכע רופט אַרויס באַ פויערים דאָס גלויבן אין גייסטער, רוכעס, מעכאַשפים און אַנדערע אבערגלויבנס. ער זעט די זון דורכן פענצטער פונם פאַבריק-וואַרשטאַט. ער קאָן די נאַטור בלויז לויט דער אומגעגנט פון שטאָט, וואו ער אַרבעט, און דאָס — בלויז אין זעלטענע פאַלן.

ערד-פּרוכטן קאָן ער בלויז אין אַזאַ אויסזען, ווי ער געברויכט זיי אַלס שּפייז. ער האָט ניט דעם קלענסטן באַגריף וועגן פעלד-אַרבעטן און וועגן יענע באַדינגונגען, פון וועלכע ס'הייננגט אָּפ דאָס געראַטעניש. ס'אינטערעסירט

אים ניט ניט קיין טרוקעניש, ניט קיין רעגן, ניט קיין שטורעם און ניט קיין האָגל. ס'איז ניט זיין אײַסעק, וואָס פאַר אַ ווירקונג די אָדער יענע דערשיינונג האָט אַף דער גערעטעניש. זיין שטאָטיש לעבן באַשיצט אים פון באַאומרואיקונג, זאָרגן און אומגליקן, וועלכע זיינען אַזוי באַקאַנט דעם פויערערדאַרבעטער. די נאַטור מאַכט ניט קיין שום איינדרוק אַף זיין פאַנטאַזיע.

די אַרבעט אין װארשטאַט, לעם דער מאַשין שטעלט דעם מענטשן אַוועק פּאַנעם-על-פּאַנעם מיט אַזעלכע גרויזאַמע נאַטור-קויכעס, וועגן וועלכע דער פויער האָט קיין פאָרשטעלונג ניט. זיי הערשן אָבער ניט איבער אים, נאָר, פאַרקערט, ער פירט אָן מיט זיי: דערדאָזיקער גיגאַנטישער מעכאַניזם פון שטאָל און אייזן, וועלכער פאַרפולט די גאַנצע פאַבריק און ברייגנט זי אין באַוועגונג, ווי עפּעס אַן אַווטאָמאַט, און איז פּייאיק אין איין רעגע אלץ איינשלונגען, צעשמעטערן און צעברעכן — רופט באַם אַרבעטער פונדעסטוועגן ניט אַרויס קיין שום אבערגלויבערישן פּאַכעד, וועלכער זאָל זיין ענלעך צום פּאַכעד, וואָס אַ דונער רופט אַרויס באַם פויער. פאַרקערט, דער אַרבעטער בלייבט רואיק און ניט אופגערעגט, ווייל ער ווייסט, אַז די איינצלנע טיילן פון דערדאָזיקער מעטאלישער ווילדבאַשעפעניש זיינען געמאַכט און רעמאָנטירט געוואָרן דורך זיינע כאַווײרים. באַ איר גאַנצער קראַפט אנטהאלט אין זיך ניט די מאַשין פאַרן אַרבעטער קיין שום סוידעסדיקייט: דער אַרבעטער פון עפּעס אַן עלעקטרישער סטאַנציע, פאַר וועלכן ס'איז גענוג אַ דריי טון דעם הויבער, קעדיי צו ברייגנגען אין באַוועגונג דעם טראַמוואַי אַף אַ שעטעך פון פיל קילאָמעטערן, אָדער באַלויכטן צענדליקער שטאָט-גאַסן — קאָן זאָגן, ווי גאָט האָט, לויטן כומעש, געזאָגט: „זאָל זיין ליכט!” — און ס'וועט ווערן ליכטיק. קיינעם האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געכאָלעמט אַזעלכע וואונדער. די אַרבעטער באַנעמען דאָס אָבער ווי פּאָשעטע און נאַטירלעכע דערשיינונגען.

דער אַרבעטער וואָלט געווען איבעראַשט, ווען עמעץ זאָל אים זאָגן, אַז גאָט קאָן, לויט זיין ווילן, אָפּשטעלן די מאַשינען און לעשן די לאָמפּן. ער וואָלט דערויף געענטפערט, אַז אַזא אַנאַרכיסטישער גאָט קאָן זיין בלויז עפּעס אַ צעבראָכענער טייל פון אַ מאַשין, אָדער אַן אָפּגעריסענער טייל פון עלעקטרישן דראָט, און אַז ס'איז גאָרניט שווער איינצוזאמען דעם דאָזיקן געטלעכן אָרדענונג-צעשטערער. די פּראַקטישע אַרבעט אינם מאָדערנעם וואַרשטאַט געוואוינט צו דעם אַרבעטער צום וויסנשאַפטלעכן דעטערמיניזם, און ער נייטיקט זיך ניט צוליבדעם אין דער טעאָרעטישער אויסשטודירונג פון פילאָזאָפיע.

די פרייע אויסשטודירונג פון דער נאַטור האָט געבראַכט די געלערנטע צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע וועלט-דערשיינונגען זיינען אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון נויטווענדיקייט און אַז זייערע סיבעס דאַרף מען זוכן אין דער נאַטור גופע, און ניט אויסער איר.

דורכן אויסשטודירן די נאַטור-דערשיינונגען האָט דער מענטש באַקומען די מעגלעכקייט אונטערצוּוואַרפן די נאַטור-קויכעס דעם ווילן פון מענטשן און זיי אויסנוצן צוליב זיינע אינטערעסן.

נאָך דער טעכנישער פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע האָט אַלע געביטן פון דער אינדוסטריע פאַרוואַנדלט אין א גיגאַנטישן ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם, וואָס די קאַפּיטאַליסטן, אין וועמענס הענט ס׳געפינען זיך די פּראָדוציר-מיטלען, זיינען ניט בעקויעך אָנצופירן מיט אים. דאָס איז קלאָר צו זען פון די פּע-ריאָדישע קריזיסן, וועלכע כאַזערן זיך איבער אין דער אינדוסטריע און אינם האַנדל. פונקט ווי די צעבושעוועטע סטיכיע ברייננט מיט זיך ענדערונגען אין דער אַרומיקער נאַטור, פונקט אַזוי טרייסלען קריזיסן אויף און ברייננען מיט זיך טיפע ענדערונגען אינם פּראָדוקציע-אָרגאַניזם. די לעצטע ענדערונגען רופן פון זייער זייט אַרויס א טיפע איבערקערעניש אין דער סאָציאַלער סוויווע. בלויז די געזעלשאַפט אַליין וואָלט געווען בעקויעך אָנצופירן מיטן גאַנצן געביט פון דער היינטיקער פּראָדוקציע. נאָך קעדיי צו פאַרווירקלעכן די געזעלשאַפטלעכע הערשאַפט איבערן ווירטשאַפטלעכן לעבן, איז פריער פון אַלץ נייטיק, אַז די פּראָדוציר-מיטלען זאָלן ווערן א געזעלשאַפטלעך אייגנטום. בלויז דאַן וועט פאַרשווינדן די סאָציאַלע אומגלייכקייט. בלויז דאַן וועלן די פאַראַזיטן פאַרלירן די מעגלעכקייט אָנצוזאַמלען רייכטימער פאַר זיך, און די עמעסע פּראָדוצירער פין די רייכטימער, די לוין-אַרבעטער — איבערלאָזן אין דער שרעקלעכסטער אָרעמקייט. בלויז דאַן וועלן פאַרשווינדן די סיבעס, וועלכע ברייגגען צו וועלט-קריזיסן. בלויז ווען די פּראָדוציר-מיטלען וועלן אַריבער אין די הענט פון דער געזעלשאַפט — וועט מער ניט זיין אין סאָציאַלן געביט קיין שום סוידעסדיקייט און „אומבאַגרייפלעכקייט". בלויז דאַן וועט ענדגילטיק פאַרשווינדן אויך דאָס גלויבן אין גאָט.

III אָפּטייל

די אידישע רעליגיע און אירע אינסטיטוציעס

דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע.

די רעליגיע האָט פון שטענדיק אָן געדינט אין די הענט פון די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן ווי א געצייג אף צו אונטערדריקן און פאַרשקלאַפן די אַרבעטנדיקע שיכטן.

די אידישע רעליגיע שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין אויסנאַם אין דעם פראַט.

איר געשיכטע איז דורכויס באַפאַרבט מיט א קלאַסן-פאַרב, און זי קאָ דעריבער דינען ווי די בעסטע אילוסטראַציע פונם קלאַסן-מעהוס, וואָס די רעליגיע האָט ביכלאַל.

שוין באַם שוועל פון דער אידישער געשיכטע, ווען דאָס אוראַלטע ייסראָעל-פאָלק האָט אָנגעהויבן אריבערגיין פון א נאָמאדישן פאַסטוך-לעבן (רועי-צאן) צו אן איינגעזועסענעם אַרט לעבן — שטויסן מיר זיך אָן אַף דער קויהאַנים-קאַסטע, וועלכע עקספּלואַטירט די גאַנצע איבעריקע איידע. לויטן קויהאַנים-קולט פון „טוירעס-קויהאַנים" זיינען די קויהאנים די ערדישע פאָרשטייער פונם נאַציאָנאַלן גאָט פון ייסראָעל, פון יאהווען. זיי זיינען עס די פארמיטלער צווישן יאהווען און צווישן זיין פאָלק ייסראָעל.

לויט דער לערע פון די קויהאנים, איז יאהווע געוועזן א בייזער גרימצאָרנדיקער גאָט (אל קנא ונוקם). שטילן זיין צאָרן און ווייך מאַכן זיין הארץ האָט מען געקאָנט בלויז מיט מאַטאָנעס און געשאַנקען. וואָס גרעסער און רייכער ס'זיינען געווען די מאַטאָנעס — אלץ מער און גיכער האָבן זיי איינגעשטילט דעם צעבייזטן יאהווע און געוואונען זיין לייטזעליקייט און דערבאַרעמקייט. די געשאַנקן פלעגן נאַטירלעך אַריינפאַלן אין די הענט צו יאהוועס פאָרשטייער און דינער, צו די קויהאנים. מיטכילע פלעגן די געשאנקן געבראכט ווערן פריייוויליק. מיט דער צייט אָבער האָבן די קויהאנים פאַרביטן די פרייוויליקע מאַטאָנעס מיט צוואנג-געשאַנקען — מאַיסרעס און טרומעס („מעשר" און „תרומה"), וועלכע האָבן זיך געלייגט ווי א שווערער לאַסט אף דער פרירלעכער פויערשער באַפעלקערונג.

די קויהאנים-פאַראַזיטן פלעגן אויסזויגן אַלע זאַפטן פון „גאָטס איידע". די קויהאנים פלעגן אליין גאָרניט טון, האָבן זיך ניט פאַרנומען ניט מיט קיין ערדאַרבעט און ניט מיט קיין שום אַנדער אַרבעט. ס'האָט זיך אַזוי אַרום

אויסגעבילדעט א גאַנצער שייוועט פון קויהאנים מיט לעוויאים, וועלכע פלעגן באַקומען א היפשן כיילעק דערפון, וואָס דאָס ארבעט-פאָלק האָט פּראָדוצירט, און האָט דערוף געבויט זיין הערשאַפט און מאַכט. וואָס ווייטער, איז אלץ מער געוואַקסן זייער אומפאַרשעמטקייט און פרעכקייט. שפּעטער האָבן זיי געשלאָסן יאַדאכעס מיט דער קיניגלעכער דינאַסטיע (מלכים), וועלכע האָט געהאט אין אירע הענט די מיליטערישע מאַכט.

דידאָזיקע צוויי שיכטן, דער מיליטערישער און דער גייסטלעכער, האָבן אומבעראַכמאָנעסדיק געהאלטן אין איין באַרויבן און רייסן די הויט פונם פאָלק און האָבן געפירט א רייך, אויסגעלאסן פּאַראַזיטן-לעבן. די גרעסטע מאַ-דרייגע האָט דאָסדאָזיקע רייכע אויסגעלאסענע פּאַראַזיטן-לעבן דערגרייכט בא שלוימע האמעלעך, וועלכער האָט אויסגעבויט דעם ערשטן בייסאמיקדעש.

ניט זעלטן פלעגט שוין אין יענער צייט אַזאַ מין אומפאַרשעמט-אויסגע-לאסן לעבן פון די קויהאנים און פון די מעלאָכים אַרויסרופן א גרויסע אופ-רעגונג באַ די געדריקטע מאַסן (די אופשטאַנדן אין שלוימעס צייטן און נאָך זיין טויט). די אויסדריקער פון דערדאָזיקער אופרעגונג פלעגן זיין די נעוויאים, וועלכע פלעגן שאַרף פּראָטעסטירן קעגן די אומגערעכטיקייטן און פאַלשקייטן פונם קויהאנים-קולט. אָבער די סאָציאַלע קויכעס-פאַרהעלטענישן זיינען דאַן געווען אַזעלכע, אז דערדאָזיקער פּראָטעסט האָט ניט געבראַכט צו קיין מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן.

ניט אנדערש באַשטייט עס מיט דער אידישער רעליגיע נאָכן צוריקער פון גאָלעס באָוועל, ווען ס'האָט זיך ענדגילטיק אויסגעפאָרמירט דער מאָנאָ-טעאיזם און „טויראס-מוישע" איז רעדאַקטירט געוואָרן אין דער פאָרם, ווי זי איז דערגאַנגען ביז צו אונזערע טעג.

דער גאָלעס-באָוועל האָט אַריינגעטראָגן געוויסע ענדערונגען אינם סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכן בוי פונם אידישן פאָלק.

אין דער פרעמד איז די אידישע אַריסטאָקראַטיע געווען געצוואונגען זיך צו באַשעפטיקן מיט האנדל. אומקערענדיק זיך צוריק האָבן די „אוילי-גוילע" געבראַכט מיט זיך די נייע האנדל-באַשעפטיקונג.

דאָס האָט, נאַטירלעך, זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אף דער אנטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיע. דער מאָנאָטעאיזם, דאָס גלויבן אין אן אבסטראקטן איין און איינציקן גאָט, אַלס בוירע פון דער וועלט — איז טאַקי געווען די עכטע אָפּ-שפּיגלונג פונם האנדל, וועלכער ניוועלירט די קאָנקרעטע קאָנטורן און שטריכן פון זאַכן און באַטראַכט זיי בלויז אלס טויש-ווערטן, וועלכע זיינען פאַרקער-פּערונגען פון אַבסטראקטער מענטשלעכער אַרבעט.

אין דער פרעמד, אין אַזוי גערופענעם „גאָלעס", האָט באַ די אידן דערצו נאָך געדאַרפט פאַרשטאַרקט ווערן דער רעליגיעזער פאַקטאָר. באַם אויספעלן פון א פּאָליטישן מעלוכישן לעבן איז דער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער קולט גע-ווען דער פאָדעם, וועלכער האָט צונויפגעבונדן די באַזונדערע טיילן פון דער אומע.

גאַנץ נאַטירלעך, אַז די טרעגער פונם רעליגיעז-נאַציאָנאַלן קולט, די קויהאַנים האָבן דערביי אָנגעהויבן נאָך מער הערשעווען איבער דער גאַנצער נאַציע.

די קויהאנים טרעטן שוין איצט ארויס ניט בלויז אלס גאָט-דינער, אָבער אויך אלס אויסטייטשער פונם געשריבענעם געזעץ, פון „טוירעס-מוישע". מיט דער צייט ווערט אלץ טיפער דער טהאם צווישן דעם אַריסטאָקראַטישן שיכט, און צווישן די נידעריקע אַרבעטנדיקע פאָלקסשיכטן.

די אַריסטאָקראַטן מיט די קויהאנים זיינען צווישן זיך פאַרבונדן מיט מישפאָכע-פעדים און בילדן צוזאַמען דעם פריווילעגירטן שיכט, וועלכער נוצט אויס דעם נאַציאָנאַל-רעליגיעזן קולט און דעם געשריבענעם געזעץ פאַר זייער הערשאַפט איבער די „עם-הארצים".

נאָכן „צווייטן כורבען", ווען די אידן האָבן פאַרלוירן זייער זעלבשטענדיקייט — הייבט די רעליגיע אָן שפּילן אינם לעבן פונם אידישן פאָלק גאָר א באזונדערע ראלע, וועלכע דרינגט אַרויס פון דער סאָציאל-ווירטשאַפטלעכער לאַגע, וואָס די אידן הייבן אָן פאַרנעמען אין זייערע נייע וואוין-ערטער. די אָרטיקע גרונט-באַפעלקערונג נעמט אוף די ניי-אָנגעקומענע געסט ניט גאָר פריינטלעך. מ׳לאָזט זיי ניט צו צו די גרונט-פּאָזיציעס פונם ווירטשאפטלעכן לעבן. די איינציקע געביטן, אין וועלכע די נייגעקומענע קאָנען פאַר זיך געפינען א באַשעפטיקונג, זיינען דער האנדל און פינאַנץ-געלטיקע אָפּעראַציעס (אָפּגעבן געלט אף פּראָצענט, אף מאשקאָנעס א. א. וו.).

דידאָזיקע נייע האַנדל-און פינאַנץ-אָפּעראַציעס פאַרוואנדלען די אידן אין סאָציאַל-עקאָנאָמישן זין אין אן איינארטיקער מאַסע.

דער סאָציאל-עקאָנאָמישער איינארט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די נייע „גאָלעס-לענדער", פון איין זייט, און די אומפריינטלעכע באַציאונג, די רעדיפעס און פאַרפאָלגונגען מיצאַד דער אויסערלעכער וועלט, פון דער אַנדער זייט — גיבן א מעכטיקן שטויס און העלפן מיט דער פאַרשטארקונג און אנטוויקלונג פונם רעליגיעזן מאָמענט אינם אידישן לעבן. די רעליגיע דארף מיט זיך אָנפולן דעם גאנצן פוסטן כאָלעל, וואָס איז איבערגעבליבן באַ אידן נאָכן פאַרלירן די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט און די טעריטאָריע.

דאָס פאָלק ווערט פארשפארט אין אן אינערלעכן גייסטיקן געטאָ, אין די „פיר איילן פון האלאָכע". אנשטאט די פריערדיקע קויהאנים און אַריסטאָקראַטן — גייט אריבער די הערשאפט איבערן פאָלק אין די הענט פון די „גייסטיקע פאטער", פריער פון די „כאכמיי האטאלמוד" („טאַנאָים" און „אמוראָים") און שפעטער פון די ראַבאָנים.

באַ דער גאַנצער איינאַרטיקייט און נעבעכדיקייט פון דער אידישער עקאָנאָמיק אין מעשעך פונם גאַנצן מיטלאלטער האָבן די ראבאָנישע פאסטוכער דאָך באַוויזן צו שאַפן פאַר זיך פריווילעגירטע לעבנס-טנאָים און צו פאָרן רייטנדיק אפן רוקן פון די ברייטע פאָלקסשיכטן. דער גאַנצער מיטלאלטער איז א לאנגע קייט פון „דינים" מיט „כומרעס", וואָס די ראַבאָנים האָבן

געהאלטן אין איין צוטראַכטן אף צו צוימען דעם פּאָלקסגעדאנק, פּאַראַליזירן דעם פּאָלקסווילן און טויטן יעדן פרישן פרייען אָטעם. די ראַבאָנים האָבן מיט זייערע „שולכענאָרעכס" און מיט זייערע „שאַילעס אוטשואוועס" ארומ-געפלאָכטן דעם אידישן פּאָלקסמענטשן מיט א געדיכטער נעץ און אים גע-פענטעט די הענט און פיס, אַז ער זאָל ניט קאָנען טון קיין פרייען קער לויטן אייגענעם ווילן.

דער ראָוו און דער לאמדן זיינען געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין אידישן לעבן ביז די לעצטע עטלעכע צענדליקער יאָרן. צוזאַמען מיטן גוויר, מיטן פּארנעס און מיטן באלטאקסע האָבן זיי געבילדעט די הערשנדיקע קליקע אינם אידישן לעבן. זיי האָבן געהערשעוועט „בעיאד כאוזאָקאָ" איבער די ברייטע האָרעפּאַשנע שיכטן.

די 60-טע יאָרן פון פּאָריקן יאָרהונדערט, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען דער קאַפּיטאַליזם מימ א שנעלן טעמפּ, איז אויסגע-וואקסן אויך א אידישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון דער איינגער אידישער געטאָ און באַהעפטן זיך מיט דער גרויסער רוסישער קאַפּיטאליסטישער מישפּאָכע. די אידישע קאַפּיטאליסטן זיינען געוואָרן אף א ווילע פריידיינקעריש. דאָ ליגט דער וואָרצל פון דער אַזויגערופענער האס-קאלע-באוועגונג אין דער לעצטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט.

ווי נאָר דער אַרבעטער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, אלס פּאָ-ליטישע קראפט, און דער אידישער אַרבעטער האָט פאַרבונדן זיין גוירל מיט דער רוסישער פּראָלעטאַרישער מישפּאָכע, האָט זיך די אידישע בורזשואַזיע צוריק א וואָרף געטון אין די אָרעמס פון זייערע אלטע פארבינדעטע—די קלע-ריקאלן, קעדיי צו בילדן אן איינהייטלעכן פראָנט קעגן דעם אַרבעטער-קלאס.

די אָקטיאבר-רעוואָלוציע האָט געמאכט א סאָף צו דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע מיט אירע מעשאָרסים אין אלגעמיינעם לעבן. צוזאמען דערמיט איז געקומען אסאָף צו דער אומבאַגרענעצטער הערשאפט פונם שולכענאָרעך און פון די ראבאָנישע שפּיצלעך איבערן לעבן פונם אידישן האָרעפּאַשנק.

רעליגיעזע אינסטיטוציעס בא אידן.

רעליגיע האָט ביכלאַל ליב צו מישן זיך אין אַלע ווינקעלעך פונם פּרי-וואטן מענטשלעכן לעבן. באַזונדערס האָט זיך דערין אויסגעצייכנט די אידישע רעליגיע, וועלכע רעגלאמענטירט שטריינג דאָס לעבן פונם אידן לויט די די-נים פונם שולכענאָרעך. אָנגעהויבן פון נעגלוואַסער און זאָגן מוידעאַני גאנצ-פרי באַם אופשטיין און פאַרענדיקט מיט קרישמע לייענען באנאכט פארן שלאָף — איז דער גאנצער טאָג פונם פרומען אידן געווען אַ לאנגע קייט פון

„מ׳טאָר ניט״ און „פאַרבאָטן״. לויטן ריטואַל־קאָדעקס (שולכענאָרעך) קאָן דער איד ניט טון קיין פרייען קער אָדער ריר מיט אן אייווער אָן אַ בראָכע און באַווייליקונג פון גאָט. אפן אויסגעקרומטן איינגעבויגענעם אידישן רוקן האָט מען ארופגעוואָרפן ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ לאַסט פון זעקס הונ־דערט דרייצן (תרי״ג) מיצוועס. האָט טאַקע דער פאַרצייטיקער פרומער איד אויסגעזעען ווי אַ שאָטן פון אַ מענטש, און זיין לעבן איז געווען בלויז אַן אָפּקומעניש.

די שול

באַ אַזאַ מין לעבנסאופירונג איז קיין כידעש ניט, וואָס די שול און בייס־האַמעדרעש האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אינם פאַרצייטיק־פאַטריאַרכאלן אי־דישן וועלטל. אַ באדייטנדיקן טייל פונם טאָג פלעגט דער איד פאַרברייינגען אין שול — אַף דריימאָל דאווענען (שאַכריס, מינכע און מאַירעוו), אַף זאָגן אַ קאַפּיטל טילים, לערנען א פּיירעק מישנאַיעס אוכדוימע.

באַם אויספעלן פון אנדערע געזעלשאפטלעכע ערטער איז די שול דערצו נאָך געווען דאָס איינציקע געזעלשאפטלעכע אָרט, וואו די אידן האָבן געקאָנט באַהאַנדלען זייערע קאָהעלשע און אַפילע פריוואט־סאָכרישע געשעפטן. האָבן זיך טאַקע ארום דער שול אָרגאַניזירט קאָלערליי כעוורעס, וועלכע זיינען גע־ווען פאַרבונדן מיטן געזעלשאפטלעך־רעליגיעזן קולט (כעוורע־קאַדישע, כעוורע־טילים, כעוורע־מישנאַיעס, אַיִן־יאַנקעוו אוכדוימע).

אף אַזאַ אויפן איז די שול אווקגעשטעלט געוואָרן אין צענטר פונם אי־דישן לעבן און האָט געהאַלטן דעם אידן געפענטעט אף שריט און טריט.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס אפילע אין גאָט־שול איז געווע אויסגעהאלטן די קלאַסן־צעטיילונג פון גאָטס איידע: דער אויבנאָן, די מיזרעך־וואנט האבן פאַרנומען דער ראָוו און דער גוויר, די שפּיגל־וואַנט — דער מיטעלער באלע־באָס. דער האָרעפאַשניק איז געזעסן הינטערן בימע, באַם טיר. די טוירע פלעגט אויך פארטיילט ווערן לויטן קלאסן־פרינציפּ: די פעטע אַליעס (שלישי, שישי, מאַפטיר) האָבן זיך גענומען די פּניי; פאַרן אָרעמען האָט מען אי־בערגעלאָזט די „טויכעכע״ און אלע איבעריקע ניט כאָשעווע אליעס.

אַגעוו, זיינען די אליעס געווען אַן איניען פון מיסכער. אפילע אין די סאַמע הייליקע טעג (ראָש־האַשאָנע) פאַרקויפט מען פון בימע די אַליעס און מ׳מאַכט פיינע געשעפטן מיט דער „הייליקער״ טוירע.

„כיידער און יעשיווע״

דער „כיידער״ און די „יעשיווע״ זיינען געווען פון די וויכטיקסטע אינ־סטיטוטן אין דער רעליגיעזער אידישקייט. לערנען אין כיידער — איז געווען קימאַט אַ כויוו, אַ מוז־זאַך פאר יעדן אידיש אינגל.

ס'איז זיך אָבער אפילע שווער פאָרצושטעלן, וויאזוי ס'פלעגט פאָרקומען דאָס לערנען, און מיט וואָס מ'פלעגט פאַרשטאָפּן די יונגע מויעכלעך פון די קינדער אין כיידער. אַ גאַנצע ריי בילדלעך פון דער פארפעסטעטער כיידער-אַטמאָספער, אין וועלכער דאָס אידישע אינגל פארברייננגט זיינע בעסטע קינדערשע יאָרן — קאָן מען געפינען בא אונזערע קלאַסיקער, באזונדערס באַ מענדעלען. מיר ווילן נאָר אָנווייזן דערויף, אַז דאָס פאָלק אַליין האָט געקוקט אפן מעלאַמעד, ווי אפן גרעסטן טויגעניכטס. ווען מ'האָט ניט געטויגט צו קיין שום אַנדער אַרבעט — האָט מען זיך גענומען קנעלן. פלעגן טאַקע די מעלאמדים מיט זייערע באַהעלפערס זיין אין גרעסטן ראָוו אמעראצים און אומוויסנדע. אויב מ'זאָל נאָך דערצו צוגעבן די שרעקלעכע אַנטיסאַניטאַרישע טנאָים, אין וועלכע דער כיידער האָט זיך געפונען, ווי אויך דאָס זיצן פאַרשפּאַרט אין דער שמוציקער כיידער-טפיסע אָן לופט און שיין אין מעשעך פון 10—12 שאָ סיי זומער, סיי ווינטער — וועט ווערן קלאָר, ווי שעדלעך דער כיידער האָט געמוזט ווירקן אף דער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פונם אידישן קינד.

דער גרעסטער ראָוו אידישע קינדער פלעגן פאַרענדיקן זייער בילדונג-קורס מיטן כיידער. בלויז געציילטע, אַ קליינער טייל פון די מער פייאיקע און גערעָטענע פלעגן דערנאָך איבערגיין אין דער העכערער שול פאר אידישקייט-קענטענישן — אין דער „יעשיווע".

אָבער אויך אין דער „יעשיווע" האָט געהערשט דיזעלביקע סיסטעמלאָזיקייט, וואָס אין „כיידער". שוין ניט צו ריידן פון וועלטלעכע לימודים, וועגן וועלכע דער יעשיווע-באָכער האָט ניט געקראָגן די קלענסטע האַסאָגע. נאָר אפילע די אידישע לימודים פלעגן געלערנט ווערן אָן קיין שום סיידער און סיסטעם. דער רעכטער איקער איז געווען „האַסמאָדע", זיצן גאנצע טעג און נעכט אָנגעשפּאַרט איבערן שטענדער און אַריינשטאָפּן אין זיך וואָס מער מיט אַ מעסיכטע. האָבן טאַקע ניט איין צענדליק יעשיווע-באָכורים פון אזא אַרט לעבן אָנגעהויבן שפייען מיט בלוט.

דאָס לעבן אויסער דער פאַמיליע, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט, דאָס שטענדיקע זיצן אַף איין אָרט און דאָס סכאָלאַסטישע לערנען פון זאכן, וועלכע האָבן קיין שאַיכעס ניט צום מאמאָשעסדיקן אַרום, האָבן געבראכט צו גייסטיקע און פיזישע פארקריפּלונגען, אומנאָרמאַלקייטן אין געשלעכט-לעבן (אָנאָניזם, האָמאָסעקסואַליזם א. א. וו.), צו אַ פולשטענדיקער מאָראלישער פארדאָרבנקייט.

ראַבאָנים און קלייקוידעש

די „יעשיווע" איז געווען דאָס אָרט, וואָס האָט געדארפט צוגרייטן פארן אידישן פאָלק קלייקוידעש, און דערהויפּט — ראבאָנים. מיר האָבן שוין פריער געשריבן, וואָס פאַר אַ גרויסע שליטע די רעליגיע האָט געהאט אפן פריוואטן לעבן פונם אידן. די ראַבאָנים האָבן געדארפט שפּילן די ראָלע פון

„פּאַסטוכער״, וועלכע פירן אָן מיט דער אײדע שעפעלעך, מיט די „צוין קאַ-דאָשים״.

האָבן זיי טאַקע, דידאָזיקע „פּאַסטוכער״, שטענדיק געריטן אױפן רוקן פון די „אָרעמע שעפעלעך״. דער ראָוו איז קעסיידער געווען יאַדאכעס מיטן באַלטאַקסע, מיט די גווירים און קאָהעלשע קאָכלעפל. צוזאַמען האָט מען גע-זויגן דאָס בלוט פון די אָרעמערע באַלעמעלאָכעס און האָרעפּאַשניקעס.

די ראַבאָנים זײַנען שטענדיק געשטאַנען אַף דער וואך פון די אינטערעסן פונם אידישן גוויר, פונם פּאַבריקאַנט און רייכן סויכער. זייער אופגאַבע איז געווען צו האַלטן די „אָרעמע שעפעלעך״, די ברייטע מאַסע אידן-האָרעפּאַש-ניקעס אין געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט. ווען דער אידישער אַרבע-טער האָט אופגעוואַכט צום קאַמף און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע שטרייקן פון אידישע אַרבעטער, האָבן די ראַבאָנישע פּאַסטוכער גענומען איינוויקלען די טומע אין דער יירע. מיט דער הילף פון דער „טוירע האַק-דוישע״ האָבן זיי געפּרואווט אָנוואַרפן אַ פּאַכאַד אַף די „סטאַטשעטשניקעס״ און „בונטאָווששיקעס״.

דער ראָוו מיטן זשאַנדאַרם האָבן זיך אויסגעשטרעקט די האַנט און געטון איין זאַך.

קאַזיאָנע ראַבאָנים

ניט קיין קלענערע צאָרע און קלאָג אין אידישן לעבן איז געווען דער „קאַזיאָנע״ ראָוו, וועלכער פלעגט באַשטימט ווערן דורך דער רעגירונג אַלס אָפּיציעלער פאָרשטייער פון דער אידישער קעהילע און פלעגט דאַרפן פירן די מעטריקעס-רעגיסטראַציע פון געבורטן, כאַסענעס און טויט-פאַלן פון אידן. דער „קאַזיאָנע״ ראָוו פלעגט אין גרעסטן ראָוו אויספילן די ראָלע פון אַ זשאַנדאַרם אַף צו קעמפן מיט דער אידישער קראַמאָלע און זי אויסראָטן פון דער וועלט. ווייסט טאַקע די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג ניט ווייניק פאַלן, ווען „קאַזיאָנע״ ראַבאָנים האָבן אויסגעפילט די פונקציעס פון „אָכראַנקע״-אַגענטן און שפּיאָנען.

דער אָקטיאַבער-שטורעם האָט מיט איינמאָל אויסגעראַמט דעם גאַנצן שמוץ און שימל, וואָס האָט זיך אין מעשעך פון דוירעסלאַנג אָנגעקליבן אין אידישן לעבן, און באַפרייט די אידישע האָרעפּאַשניקעס-מאַסן פון זייערע אומגעבעטענע אַפּוטראָפּסים און באַלעטויוועס.

די אידישע יאָנטייווים.

די אידישע יאָנטייווים האָבן געהאַט זייער אַ לאנגע געשיכטע און האָבן אין פאַרשיידענע טקופעס פון דער אידישער געשיכטע געטראָגן אַ פארשיידע-נעם כאַראַקטער. די יאָנטייווים פון דער גאָר אַלטער צייט, ווען אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט פי-צוכט און ערד-אַרבעט, האָבן ניט געהאַט קיין רעליגי-עזן כאַראַקטער: זיי זיינען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאָלק-פראַק-טיק. שפּעטער, ווען אידן זיינען געוואָרן א שטאָטישער האנדל- און פראָדוציר-עלעמענט צווישן א פרעמד פאָלק, האָבן זיך די יאָנטייווים אָפּגעריסן פונם ווירטשאפטלעכן שטייגער און אייניקע זיינען פאַרוואנדלט געוואָרן אין טויטע רעליגיעזע פייערלעכקייטן. אַנדערע האָבן באַקומען א נאַציאָנאַליסטישע באַ-פאַרבונג.

שאַבעס

שאַבאט — איז דער נאָמען פון אַ יאָנטעוו באַ די באַוולים לעקאָוועד דעם האַלב-כוידעש, פול-לעוואָנע. אין דער אוראַלטער צייט, אין דער וואַנדער-עפּאָכע, האָבן אידן געהאט א יאָנטעוו לעקאָוועד דער ניי-לעוואָנע, ראָש-כוידעש, און לעקאָוועד דער פול-לעוואָנע — שאַבעס. אַלזאָ איז שאבעס אויסגעפאלן איינמאָל אין כוידעש. דאָס פייערן שאבעס אלע וואָך, אלס רו-טאָג, שטאַמט פון שפּעטערדיקע צייטן.

אין דער ערדארבעט-עפּאָכע זיינען פון די וואַנדער-יאָנטייווים איינגעהיט געוואָרן נאָר ראָשכוידעש און שאַבעס. די צייטרעכענונג, וועלכע באַזירט זיך אַף די פאַזעס פון דער לעוואָנע, איז פארן ערדארבעטער נאָך וויכטיקער, ווי פאַרן וואַנדערער.

ווען עס זיינען אופגעקומען די שטעט מיט זייער האַנדל און מעלאָכע, האָט זיך באַוויזן א ספעציעלע פּראָפעסיאָנעל-געזעלשאפטלעכע גרופּע — די קויהאַנים. דעם קויהענס אופגאבע איז געווען צו זיין אַ שאליעך צווישן פאָלק און גאָט באַם בריינגען קאָרבאָנעס. דאָס פאָלק, וואָס פלעגט זיך קאָנ-צענטרירן אין די שטעט, איז ביסלעכווייס געוויינט געוואָרן צו בריינגען די קאָרבאָנעס נאָר אין בייס-האַמיקדאָש דורך די קויהאַנים. ס'פארשטייט זיך, אז די קויהאנים האָבן געוואָלט מאָנאָפּאָליזירן דעם איניען פון בריינגען קאָרבאָנעס. אין 7 יאָרהונדערט אין קיניג יאשיאהוס צייטן האָבן זיך די קויהאַנים פאַר-שטאַרקט און האָבן זיך גענומען צו צענטראַליזירן דעם קולט. מע געפינט דעם „סייפער האטוירא" אין בייס-האַמיקדאָש, און דאָרט שטייט „בעפיירעש" גע-שריבן: ושמחת לפני יהוה אלהיך אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי אשר בשעריך והגר והיתום והאלמנה אשר בקרבך במקום אשר יבחר יהוה אלהיך לשכן שמו שם (דברים טז. יא). דאָס הייסט, אַז די יאָנטייווים זאָל מען פראַ-ווען נאָר אין בייס-האַמיקדאָש אין יערושאָלאַים, וואו „גאָט קלייבט אויס, זיין נאָמען זאָל דאָרט רוען".

ס׳פארשטייט זיך, אז די קויהאַנים האָבן געקעמפט קעגן דעם קולט פון דער לעוואָנע, און זיי האָבן זיך געפּראוווט איינפירן נייע רעגולערע אָפּרו-טעג, נאָך יעדע 6 טעג—דעם זיבעטן. שאַבעס איז געוואָרן דערביי ניט קיין שטייגערישער יאָנטעוו פון ערדארבעטער, נאָר אַ ריין רעליגיעז-געטלעכער יאָנטעוו.

דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ פּרואוו, ווייל פּאַקטיש האָט זיך שאַבעס אַלס וואָכנטלעכער יאָנטעוו צוגענומען ערשט אין גאָלעס, אונטערן איינפלוס פון באַוועל, וועלכע פלעגן האַלטן הייליק דעם 7-טן, 14-טן, 21-טן און 28-טן טאָג אין כוידעש. דאָס האָבן אויסגענוצט די קויהאַנים און האָבן פאַרפעסטיקט דעם שאַבעס.

אין דער ווייטערדיקער געשיכטע איז שאַבעס געוואָרן אַ שאָוויניסטישער מיטל אָפּצושיידן די אידן פון אַנדערע פעלקער. עס איז אָנגעהויבט געוואָרן דורך די ראַבאָנים אַ גאַנצער באַרג מיט דינים און מינהאָגים וועגן שאַבעס; און ווען מע קאָן דאָך פאָרט ניט אויספירן אַלע געזעצן האָבן די ראַבאָנים איינגעפירט דריידלעך אַזעלכע אף צו פאַרלייכטערן אביסל דאָס לעבן אין אַ שאַבעס-טאָג. מע טאָר קיין פייער ניט אָנצינדן—קאָן מען אָבער אָנצינדן ליכט ערעוו-שאַבעס. דערביי האָט מען די ליכט אויך ניט סטאַם אָנגעצונדן, נאָר געבענטשט זיי. דאָס איז געווען די אָוואודע פון דער פרוי. מע טאָר ניט טראָגן אום שאַבעס—האָט מען געמאַכט אַן איירעוו: איירעוו טאַוושילן—דורך אַ שפּיצל מיט אַ געקעכטס פון ערעוו-יאָנטעוו גיט מען זיך די מעגלעכקייט צו קאָכן פון איין טאָג יאָנטעוו אַפּן צווייטן; איירעוו טכומים—ווען מיטן אי-בערציען אַ דראָט איבער אַ גאַס מעג מען שוין טראָגן (אום שאַבעס).

פּייסאַך

פּייסאַך אין דער וואַנדער-עפּאָכע. פּייסאַך איז אַן אוראַלטער יאָנטעוו. ווי די געלערנטע מיינען, נעמט זיך דאָס וואָרט פּייסאַך פונם אַשור-ריש-אַראַמישן שוירעש „פּאשאכי״. דאָס איז דער טייטש—דערבאַרעמען זיך. און פּייסאַך אין דער וואַנדער-טקופע איז טאַקע געווען א יאָנטעוו, ווען מע האָט געוואָלט דורך בלוט פון אַ קאָרבן איבערבעטן דעם גייסט אָדער גאָט, ער זאָל ניט פּלאָגן די פיך אָדער די מענטשן.

אָט ווי אַזוי עס ווערט באַשריבן אין דער טוירע די גאַנצע צערעמאָניע פונם קאָרבן פּעסאַך: „גייט און נעמט אייך אַ שעפּס פאַר יעדן שטאַם איי-ערן און שעכט דעם פּעסאַך און נעמט אַ בינטל ביטערע קרייטעכער און טונקט אים איין אין בלוט, אין דאָס בלוט, וואָס געפינט זיך אין בעקן, און באַשפּריצט מיט אים די אויבערשטע באַלקע און די צוויי ביישטידלעך פון טיר. ביזן פרימאָרגן טאָר קיינער פון טיר פון זיין שטוב ניט אַרויס, און ווען יאהווע וועט גיין פּלאָגן די מיצרים און דערזעען דאָס בלוט אַף דער אוי-בערשטער באַלקע און אַף די ביישטידלעך, וועט יאהווע פאַרבייגיין פאַרביי

דער טיר און וועט דעם מאַשכּיס ניט לאָזן אין שטוב צו אייך אַריין און צו פּלאָגן אייך".

ווי עס איז צו זען פון דידאָזיקע ווערטער, איז דער קאָרבן פּעסאך געווען אַ קאָרבן פון פאַרגעבונג. דורך דעמדאָזיקן קאָרבן פלעגט מען איבערבעטן דעם בייזן גייסט, ער זאָל ניט פּלאָגן די פיך און די מענטשן. דער יאָנטעוו פלעגט געפייערט ווערן אין פרילינג, ווייל דאַן פרוכפּערט און מערט זיך די פיך.

פּייסאַך אין דער טקופע פון ערדאַרבעט. ווען דער ערשטער סערפּ פלעגט זיך באַווייזן אין פעלד, ד. ה. ווען עס פלעגט זיך אָנהייבן דער גערשטן-שניט, פלעגט מען פראַווען דעם „כאַג-האַמאַצעס", אָדער „כאַג-האָאָוויוו" (פרילינג-יאָנטעוו). דער מינהעג צו באקן ניט קיין געזייערטע מאַצעס ביכלאַל וואקסט נאָך פון דער וואַנדער-עפּאָכע, ער איז אָבער פאַרבליבן שפּעטער אויך, ווען מע האָט געוואָלט ניט פאַרהאלטן דעם קאָרבן צו גאָט, און מע האָט איילנדיק געבאַקט מאצעס.

בא אלע פעלקער איז שניט-צייט געווען א גרויסער יאָנטעוו פון טענץ און געזאנג. בא די אידן פלעגט אויך דערדאָזיקער יאָנטעוו געדויערן 7 טעג. פראַווען פלעגט מען אים גלייך נאָכן יאָנטעוו פּייסאַך, ווען פּייסאַך האָט נאָך געשפּילט א ראָלע בא אידן. שפּעטער אָבער האָט פּייסאַך אופגעהערט צו זיין אַ גרויסער יאָנטעוו באַם גרעסטן טייל פון די בניי-ייסראָעל.

אַלזאָ, פּייסאך און כאג-האמאצעס זיינען געווען צוויי באַזונדערע יאָנטייוויּם. ערשט שפּעטער אין 7-טן יאָרהונדערט, ווען די קויהאַנים האָבן גענומען די איבערהאַנט, און דער קולט איז פון זיי רעגלאַמענטירט געוואָרן, זיינען דיביידע יאָנטייווים פאַרייניקט געוואָרן.

און דאָ האָבן די קויהאַנים אויסגענוצט אַן אַלטע פאָלק-לעגענדע וועגן דעם, אַז די אָוועס פון די בניי-ייסראָעל זיינען אַמאָל געווען אין מיצראַים אונטערן יאָך פון פאַרען, אָבער גאָט האָט זיי דורך מוישען אַרויסגעפירט פון מיצראַים.

עס ווערט דערציילט וועגן פיל ניסים, וואָס גאָט האָט געטון מיט די אידן: קריעס-יאַמסוף, מאן, מאַטן-טוירע א. א. וו.

אַזוי איז דער יאָנטעוו פּייסאַך און זיין ניסים-געשיכטע געוואָרן אַ געווער אין די הענט פון די קויהאנים אף צו פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס.

שפּעטער זיינען צום יאָנטעוו פּייסאַך צוגעקומען נייע ריטואַלן: אַרבעקויסעס (אַ גריכישער מינהעג), אַפיקוימען (גריכיש—עפּיקאמאן). אין דער גאָלעס-עפּאָכע האָט מען מיט פּייסאַך פארבונדן די האָפענונג פון מאָשיאַכס קומען — פּייסאַך דאַרף ווערן דער יאָנטעוו פון באַפרייאונג פארן אידישן פאָלק. און בעשאַס מע פלעגט עפענען די טיר צום סיידער צו „שפוך חמתך", פלעגן פילע גלויביקע מיינען, אַז אָט וועט אַריינגיין איילִיאָהו האַנאָווי אָדער מאָשיאַך.

אָט אַזוי איז פארוואנדלט געוואָרן דער יאָנטעוו פּייסאַך פון אַ נאטוריאָנטעוו אין אַ רעליגיעזן היסטאָריש-נאַציאָנאַליסטישן יאָנטעוו.

יאָמקיפּער

פּייסאַך איז געווען אַ פרילינג-יאָנטעוו (כאַג האָאָוויו), אין וועלכן מ׳האָט באַגיטיקט די גייסטער זיי זאָלן פּאַרזיכערן דעם זומער מיט גליק. אין האַרבסט פלעגט מען אויך פּראַווען אַ יאָנטעוו פון פּאַרגעבונג, פון לייטערונג — יאָמ-קיפּער.

דאָס וואָרט יאָמקיפּער איז דער טייטש — דער טאָג פון פּאַרגעבונג מיט דער הילף פון מאַגישע צערעמאָניעס. אין דעמדאָזיקן יאָנטעוו הייסט דער געבאָט צו ברייננען פּאַר אַ קאָרבן אַ קאַלב, קעדיי צו מעכאַפּער זיין די זינד פונם קויהען-גאָדל מיט זיין הויזגעזינד, און צוויי בעק (סעאירים) פּאַר די זינד פון די בניי-יישראָעל.

דאָ האָבן מיר פּאַר זיך אַ געמיש פון גאָר אוראַלטע מינהאָגים מיט שפּע-טער אופגעקומענע. די בעק האָבן נאָך פיגורירט אין דער וואַנדער-עפּאָכע, דערהויפּט דער צווייטער באָק, וועלכער פלעגט אַוועקגעשיקט ווערן אין דער מידבער צום אַזאָזל („גאָט דער שאָפּבאָק״). דער עלטערער פון די זקיינים פלעגט אָנלייגן די הענט אַפן קאָפּ פונם באָק און, אויספּרעמפלענדיק עפּעס אַ מאַגישע שפּרוך, פלעגט ער אַף אַזאַ אופן איבערגעבן די זינד פון די יישראָעל דעם באָק, וועלכן מע פלעגט אַרופּברייננגען אַף אַ הויכן פעלז אין דער מיד-באָר און אַראָפּוואַרפן אים אַזוי, אַז די ביינדעלעך זיינע פלעגן צעשאָטן ווערן. אין די פעלזן פלעגט מען אים וואַרפן דערפּאַר, וואָס לויט דער פּאָרשטעלונג פון די נאָמאַדן האָבן די בייזע רוכעס געלעבט אין די פעלזן און אומצוטריט-לעכע פעלזן-שפּאַלטן. דער יאָנטעוו יאָמקיפּער איז שפּעטער אָפּגערוקט געוואָרן אַפן צווייטן פּלאַן און אופגעקומען איז ער דעריקער אין דער צייט פון גאָלעס באָוועל, ווען די קויהאַנים האָבן גענומען די אויבערהאַנט. די קויהאַנים האָבן אַרויסגערוקט יאָמקיפּער אַפן ערשטן פּלאַן און געמאַכט פון אים אַ יאָנטעוו פון טשאוווע טון אַף די זינד. איצט שפּילט די גרעסטע ראָלע דער קויהען-גאָדל. די גאַנצע צערעמאָניע פון דער אַוואוידע איז געמאַכט געוואָרן נאָר צוליב אויסטיילן דעמדאָזיקן יאָנטעוו פון אַלע איבעריקע יאָנטויווים. דער קויהען-גאָדל פלעגט ארייננגיין אין קאָדשע קאָדשים מיט גרויסע האַכאָנעס, ער פלעגט פריער מאַקרעוו זיין אַן אָקס, נאָכדעם דעם סאָאיר צו יעהאָוואָן. דעם סאָאיר-לאַזאָזל האָט מען געפירט מיט גרויס פּאַראַד צום צוק (אַ הויכער פעלז); איבערן וועג פלעגן שטיין סיגנאַליזאַטאָרן אַזעלכע, וועלכע פלעגן געבן צו וויסן דעם פּאָלק אין יערושאָלאַיִם, אַז דער סאָאיר איז שוין אַראָפּגעשליידערט געוואָרן און זייערע זינד זיינען פּאַרגעבן געוואָרן.

דעם גאַנצן טאָג, ביז וואַנען מע פלעגט ניט באַקומען די יעדיע וועגן דעם, פלעגט מען ניט עסן און ניט טרינקען. דאָ האָבן מיר שוין דעם געדאַנק, אַז די אַווייראָס טוען די מענטשן אַליין און ניט די בייזע רוכעס. דאָס איז איין נייעס, וואָס מיר געפינען אין יאָמקיפּער פון די שפּעטערדיקע צייטן. און דאָס צווייטע נייעס איז, וואָס די זינד, אַף וועלכע דער מענטש האָט טשאוווע

געטון, זיינען געווען פון „ביין אָדאָם לאמאָקעם״ (צווישן מענטש און גאָט). ד.ה. די זיגד פון איוועד זיין אַף גאָטס געבאָטן, אָדער, בעסער, אַף די כוקים, וואָס די קויהאַנים האָבן איינגעשטעלט.

שוואועס

שוואועס איז פון לעכאַטכילע אַן ערדאַרבעט-יאָנטעוו פון סאָף שניט. „כאג האקאציר״ האָט ער געהייסן, דאָס איז דער טייטש — דער יאָנטעוו פון שניט, אָדער כאג-האַביקורים,— דער יאָנטעוו, ווען ס׳ווערט צייטיק. אָבער שפּעטער שוין האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן שוואועס, ד. ה. 7 וואָכן, אָדער אָפּגע-ציילט זיבן וואָכן פון ערשטן גאַרב. פאַר אַ קאָרבן פלעגט מען שוין ברענגען צוויי ווייצענע לאַבנס ברויט, און דאַווקע געזייערטע, קעדיי אונטערצושיידן דעם יאָנטעוו פונם „כאַג-האַמאַצעס״. דאָס איז געווען אַ פריילעכער יאָנטעוו, ווען דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט נאָך מער, איידער אין כאַג-האַמאַצעס. דאָס איז געווען אַ יאָנטעוו, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער נאַטור. ערשט שפּעטער, ווען די אידן זיינען אין גאָלעס געקומען און די קויהאַנים האָבן געזוכט צו דערקלערן די יאָנטייווים מיט היסטאָרישע געשעענישן, האָבן זיי דערציילט, אַז שוואועס איז דער יאָנטעוו פון מאַטן-טוירע.

סוקעס

אויך סוקעס איז געווען אַן ערדאַרבעט-יאָנטעוו פון האַרבסט, סאָף יאָר. ער איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון האַרבסטן (צונויפזאַמלען) פּיירעס און ווייַנטרויבן. דערפאַר האָט מען אים גערופן כ אַ ג - ה אָ אָ ס י ף (יאָנטעוו פון צונויפזאַמלען). מע האָט אים אויך גערופן ה י ל ו ל י ם (פרייד), ווייל דאָס איז געווען דער פריילעכסטער יאָנטעוו. ער האָט זיך אויך גערופן סוקעס—יאָנטעוו פון ביידלעך, ווייל אין פאַלעסטינע איז נאָך אַדאַיעם אַ מינהעג צו איבער-קלייבן זיך אין ביידלעך נאָכן אַראָפּנעמען די פּיירעס.

די ריטואַלן פון סוקעס האָבן אין זיך פאַרשיידענע עלעמענטן, פון די סאַמע אוראַלטע צייטן ביז די גאָר שפּעטערע. די ערשטע באַדייטונג פון סוקעס איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער איז געווען אַ יאָנטעוו פון האַרבסטן וויינ-טרויבן און קלייבן פּיירעס. סוקעס פלעגט אונטערגעפירט ווערן אַ סאַכאַקל פון דער גערעטעניש. דאַן האָבן געשפּילט די הויפּט-ראָלע די קאָרבאָנעס פון די ערשטע פּיירעס („עסרעג״ אויך). ווייַן האָט זיך געגאָסן טייכנווייס און די סימכע האָט געטראָגן אַן אָרגיאַסטישן כאראקטער. מע פלעגט עסן און טרינ-קען, מוזיק האָט געדונערט, אַלע האָבן זיך געדרייט אין אַ ווילדן טאַנץ, און אין די געצעלטן פלעגן פאָרקומען סצענעס פון זנוס. אויסלענדער פלעגן טראַכטן, אַז דאָס פראַווען אידן דעם יאָנטעוו פון באַקכוס, דעם גאָט פון ווייַן, און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען.

סוקעס פלעגט מען אויך בעטן אַף רעגן: עס איז דאָך וויכטיק צו דאנקען גאָט פאַר דער פאַראַיאָריקער גערעטעניש, מע דאַרף דאָך באַזאָרגן די נייע גערעטעניש. צוליב דעם איז געווען אַ באַשטימטער ריטואַל. מע פלעגט גיסן וואַסער אַפן מיזבייעך, קעדיי דורך נאָכמאַכונג-מאַגיע אַרויסרופן דעם רעגן. מע פלעגט שאָקלען מיט די לולאָווים, קעדיי אַרויסצורופן דעם ווינט. מע פלעגט בלאָזן אין די שויפרעס, קעדיי צו פאַרטרייבן די בייזע רוכעס.

אין דער עפּאָכע פון גאָלעס-באָוועל האָבן שוין די קויהאַנים געוואָלט דערקלערן דעם יאָנטעוו סוקעס, אַלס אַ זייכער פון דער צייט, ווען די אידן האָבן געוואַנדערט איבערן מידבאָר. דאָ ווערט שוין דעריקער — דיביידלעך. נאָך שפּעטער, אין דער רוימישער עפּאָכע האָבן די קויהאַנים געסטאַרעט זיך צו פאַרבייטן די פרייע פאָלקס-פרייד פון סוקעס מיט דאָגמאַטישע פּאַראַדן אין ביים-האַמיקדאָש. די מוזיק און די טענץ זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין ביים-האַמיקדאש, די לעוויאים פלעגן שפּילן אין דער אזאָרע פון די וויבער (עזראס-נאָשים). אַף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון די מענער צו די ווייבער, זיינען געשטאַנען קויהאַנים מיט טרומייטן אין די הענט. און מע פלעגט זיך מעסאַמייעך זיין צוזאַמען, ווייבער מיט מענער. דעמדאָזיקן ריטואַל האָט מען אָנגערופן „די סימכע פון וואסער שעפּן“ (שמחת בית השואבה).

ראָש־האשאָנע

פון אַלע ניי-לעוואָנע-יאָנטויווים, ראָשכוידעשן האָט זיך אויסגעצייכנט דער האַרבסטיקער, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דאָס נייע יאָר, ראָש-האשאָנע. אינם דאָזיקן טאָג פלעגט מען בלאָזן אין שויפער גאָר מיט אַ באַזונדער אימפּעט. דעמדאָזיקן ראָשכוידעש האָט מען טאַקע אָנגערופן — יאָם-טרוע — אַ טאָג פון שאַלן. אין דער ערדאַרבעט-עפּאָכע זיינען די יאָנטויווים פון ניי-לעוואָנע און פול-לעוואָנע געווען טעג פון פרייד און מאָלצייטן.

אין דער עפּאָכע פון גאָלעס-באָוועל האָבן די אידן אָנגענומען דעם באָוועלשן לוּעך. ניי-יאָר האָט מען גענומען פּראַווען אין פרילינג. און דאָך האָבן די קויהאַנים איינגעהיט דעם אַלטן ראָש-האַשאָנע (ניי-יאָר), וועלכער פלעגט געפייערט ווערן דעם ערשטן טאָג פון זיבעטן כוידעש. דערדאָזיקער יאָנטעוו איז געוואָרן אַ ריין-רעליגיעזער. מע האָט נאָך אַלץ געבלאָזן שויפער, און דערקלערט האָט מען דאָס דערמיט, וואָס די קלאַנגען פון שויפער ברעכן דעם געמיט און די אידן וועלן טשואווע טון.

כאַנוקע

אין די „כאַשמוינאָים“ ווערט דערציילט, אַז דער יאָנטעוו כאַנוקע איז איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 165, אין 25 טאָג פון כוידעש קיסלעוו, אַלס

זייכער פון דער באַנייאונג פונם בייס-האַמיקדאָש נאָך דעם, ווי מע האָט אים באַפרייט פון די סיריער.

אינדערעמעסן אָבער, שטאמען די גאַנצע צערעמאָניעס פון כאַנוקע גאָר פון אַלטע צייטן. דאָס איז געווען אַ פרייד-יאָנטעוו, ווי סוקעס, און האָט אויך געדויערט 8 טעג, נאָר דערדאָזיקער אַלטער פאָלקס-יאָנטעוו איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער נייער צייט פון די כאשמוינאָים, און די גייסטלעכע האָבן זיך ווידעראַמאָל געפּרואווט צו דערקלערן אים היסטאָריש, מיט דער באַנייאונג פונם בייס-האַמיקדאש, און אים אַ נאָמען געגעבן „כאַנוקע" (באַנייאונג). פריער האָט ער גאָר געטראָגן דעם נאָמען „דער יאָנטעוו פון ליכט" און פלעגט פּאָרקומען אין דער צייט פונם ווינטערדיקן זון-קער. אַזאַ יאָנטעוו איז געווען באַ אלע ערדאַרבעטנדיקע פעלקער — דער „יאָנטעוו פון דער זון-געבורט", באַ די קריסטן — דער „יאָנטעוו פונם קריסטוס-געבורט". דאָס איז דערזעלביקער קולט פון דיאָניסן, וואָס איז געווען איינגעפירט אין גריכנלאַנד און מיצראַים. אין מיצראַים האָט מען אים אָנגערופן „דער יאָנטעוו פון אָנצינדן מענוירעס". דער אידישער „כאַג-האַניירעס" (יאָנטעוו פון ליכט) האָט זיך אויסגעבילדעט אונטער דער ווירקונג פונם מיצרישן יאָנטעוו.

פורים

דער צווייטער יאָנטעוו, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין דער כאשמוינאָים-עפּאָכע, איז פורים. פאַר די כאשמוינאָים האָט ער זיך גערופן „דער טאָג פון מאָרדעכאַי" („יום מרדכי", כאשמוינאָים ב. 16—11). ווען יעהודע דער כאשמונאַי האָט באזיגט ניקאַנאָרן, וועלכער האָט געוואָלט דערשטיקן די כאַשמוינאָישע מערידע (דעם 13 טאָג אין אָדער), האָט מען געפּראַוועט דעם „טאָג פון ניקאנאָר". די קויהאַנים האָבן געוואָלט מיטן „טאָג פון ניקאנאר" פאַרבייטן דעם „טאָג פון מאָרדעכאַי", וועלכער איז, אַפּאָנעם, זיי ניט געווען צום האַרצן. דאָס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן, און מע האָט צוגעטראכט אַ מאַיסע אַ גאַנצע, מעגילעס עסטער. מיט דערדאָזיקער מעגילע האָבן די גייסטלעכע געוואָלט פאַרדעקן דעם עמעסן אור-שפּרינגלעכן טאָך פונם דאָזיקן יאָנטעוו.

דער יאָנטעוו פורים האָט ניט קיין אידישע אָפּשטאַמונג. גענומען איז ער באַ די באַוולים. דער „טאָג פון מאָרדעכאַי" הייסט דער טאָג פון מארדוך (דער באווילישער הויפּט-גאָט). אַלע פּערסאָנאַזשן פון דער מעגילע טראָגן נעמען פון געטער. עסטער — אישטאר (הויפּט-געטון פון באָוועל). וואַשטי — אַן עלאמיטישע געטן מאשטי אָדער וואשטי, האמאן — דער גאָט כאמאן אָדער כומאן.

דער יאָנטעוו לעקאָוועד מאָרדוך פלעגט מען פּראַוועס אין פרילינג-צייט. דער כוידעש אדער איז דער ערשטער פרילינג-כוידעש. אין דעם טאָג, אַזוי האָבן געגלויבט די באוולים, אָרדנט איין דער גאָט מארדוך אַ „פורו", אַ

פארזאַמלונג (אין באווליש) פון אַלע געטער, און וואַרפן גורל וועגן דעם לעבן פון די מענטשן. דערפון נעמט זיך דער נאָמען „פורים״.

בעשאַס די אידן זיינען געקומען אין באָוול, זיינען זיי געווען געצוואונגען אָנצונעמען דעם בירגערלעכן לועך און פראווען דעם באוולשן ניי-יאָר, דעם טאָג פון מארדוך — מארדעכאי. די קויהאנים האָבן געמוזט איינגיין אַף דער שטייגערישער פאָלקס-עמונע, זיי האָבן נאָר צוגעגעבן דעם יאָנטעוו אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלן כאראקטער.

מיר האָבן פארענדיקט מיטן איבערזיכט פון אַלע אידישע יאָנטויווים. מיר ווייסן זייער אָפּשטאַמונג: זיי וואַקסן נאָך פון דער צייט, ווען מענטשן זיינען ווילד געווען און געגלויבט אין געטער, רוכעס און שיידים. קאָן דער אַרבעטער איצט אָנעמען און פראווען זיי אַזוי, ווי דער אַלטער אומבאַוואוסטזיניקער איד? ווער איז פארינטערעסירט אינם אָפּהיטן די יאָנטויווים אין זייער גאנצער אומגעלומפּערטקייט? דאָס זיינען יענע, וועלכע ווילן ביכלאַל, אַז דער אַרבע-טער זאָל בלייבן ווילד, אומגעלומפּערט, ער זאָל האָבן דערעכערעץ פאַר גאָט און פאר לייטן, ער זאָל ניט טראַכטן וועגן קלאַסנקאַמף.

דער אַרבעטער קאָן ניט פייערן די אַלטע יאָנטויווים, ער דאַרף זיי אוועק-שליידערן פונקט אַזוי ווי דעם בורזשואַזן קלאַס, וועלכער קולטיווירט אלערליי גלויבונגען און אבערגלויבונגען. דער אַרבעטער האָט זיינע יאָנטויווים, פייער-טעג פון ניצאָכן איבער זיין קלאַסן-סוינע, איבער דער בורזשואַזיע.

דער קריגערישער אידישער קלעריקאַליזם אין די בורזשואזע לענדער.

דער קלעריקאַליזם האָט די לעצטע יאָרן אופגעהויבן דעם קאָפּ אין אַלע בורזשואזע לענדער. אין אַמעריקע ווערט געפירט א העפטיקע אַטאַקע קעגן דער דאַרוויניסטישער עוואָלוציע-שיטע. אין אַלע איבעריקע לענדער, וועלכע האָבן געשעמט מיט זייער פריידיינקערישקייט און „פרייהייט פון געוויסן״, איז די קלעריקאַלע קליקע ווידער צום וואָרט געקומען.

די גרויסע אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט א שאָקל געטון די זיילן פונם פרי-וואַט-אייגנטום; איבער דער וועלט האָט אָנגעהויבן שוועבן דער געשפּענסט פון קאָמוניזם; די בורזשואַזיע האָט דערפילט, אז אירע טעג זיינען געציילטע, און זי נעמט אָן אַלע מיטלען אַף צו פאַרלייגערן איר עקזיסטענץ. די רע-ליגיע איז איינער פון די בעסטע מיטלען אַף איינצוצוימען דעם רעוואָלוציאָ-נערן גייסט פונם פּראָלעטאַריאַט. דער קלעריקאַליזם איז איינער פון

די גרונט-זיילן פונם פאַשיזם און דער שאַרפסטער אויסדרוק פון זיין אידעאָ-
לאָגיע. די בורזשואַזיע איז געווען פרײדײנקעריש אין די ערשטע טעג פון
איר היסטאָרישער עקזיסטענץ, בעשאַס זי האָט נאָך געקעמפט מיטן אָפּשטאַרבנ-
דיקן פעאָדאַליזם. דערזעען אָבער פאַר זיך איר אייגענעם קאַברען אין גע-
שטאַלט פונם פראָלעטאַריאַט, האָט די בורזשואַזיע פאַרקערעוועט אַף צוריק
און גענומען זיך באַנוצן מיט זעלביקן מיטל, וואָס אירע פאָרגייער האָבן אָנ-
געווענדט. אונזער גרויסע אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט
באַ דער מאַכט דעם פראָלעטאַריאַט און באָטל געמאַכט דאָס פריוואַט-אייגנטום
אין אַזאַ גרויס לאַנד, האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ איימע אַף אַלע פריווילע-
גירטע שיכטן, אַז זיי אַלע, אָנגעהויבן פונם ליבעראַל און געענדיקט מיטן סאָ-
ציאַל-פאַטריאָט, האָבן געשלאָסן אַ בלאָק אונטער דער שוץ פון דער רעליגיע
און מיט דער בראָכע פונם גייסטלעכן, קעדיי צו באַקעמפן די רוסישע סאַקאָנע.

און ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי אידלט זיך. אויך אינם אידישן וועלטל
האָט דאָס שטריימל ווידער אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם אויבנאַן און באַלעבאַ-
טעווען איבער די אָרעמע שעפעלעך פון דער „קנעסעס יסראָעל.” אין פוילן,
וואו עס געפינט זיך איינער פון די גרעסטע אידישע קיבוצים, האָבן זיך צע-
בושעוועט די כסידישע קנופּיעס פון די פאַרשיידענע גערער, ראַדזימינער
„הויפן”. אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג איז געוואָרן, ווען אין דער הויפטשטאָט
פון פוילן, אין וואַרשע, ווילדעווען פאַרשיידענע קלעריקאַלע כעוורעס: „שוימ-
רע-שאַבעס” „מאַכזיקיי האַדאַס”, אַ. אַ. וו., וועלכע באַפאַלן יונגע לייט, וואָס
דערוועגן זיך צו טראָגן אַ שטעקל אום שאַבעס. די שוואַרצע קנופּיע פילט, אַז
איר צייט איז געקומען און פראַוועט איר שיידים-טאַנץ אַף די עקאָנאָמישע
כורועס פונם אידישן לעבן אין פוילן. דער אידישער ראָוו פילט זיך געהויבן,
ווייל איינעם מיטן קסיאָנדז בילדעט ער דעם שטיצפונקט פאַר פּילסודסקי-
גראַבסקעס „דעמאָקראַטישער” מעלוכע-אָרדענונג.

די פוילישע מעלוכע צאָלט אירע אידישע קלעריקאַלע פאַרבינדעטע מיט
גוט געלט: זי רודעפט אַף שריט און טריט די וועלטלעכע שול און שטיצט
מיט אַלע מיטלען דעם כיידער, די יעשיווע און די רעליגיעזע קעהילע.

קימאַט די גאַנצע אידישע פרעסע אין פוילן איז פאַרקויפט געוואָרן צו
די גאַטס-סטראַפּטשעס און צו די „גוטע אידן”. זי צעלייגט אַף טעלערלעך יעדע
געשעעניש אין די „הויפן” פון די „גוטע-אידן” און העלפט מיט צו פאַרשפרייטן
די כסידישע ווילדקייטן צווישן אירע לייענער.

מיר האָבן געמאַכט אַ סאָף צו דער הערשאַפט פון דער קלעריקאַלער קליקע
איבער די אידישע מאַסן. די ראַטן-שול איז איינגאַנצן באַפרייט פון יעדער
שפור פון רעליגיע. דער קלוב פאַרבייט פאַרן אידישן האָרעפּאַשניק דעם
אַמאָליקן בייסמעדרעש. אָבער די פינצטערע קויכעס האָבן זייער געווער ניט
אַוועקגעלייגט אַפילע באַ אונז. דורך פאַרשיידענע קונצן פראַוון זיי אַריינ-
דרינגען צום אומבאַוואוסטזיניקן באַלמעלאָכע און קוסטאַר. זיי האָבן נאָך אומ-
לעגאַלע כאַדאָרים און יעשיוועס, אַף וועלכע זיי קריגן באַ דער בורזשואַזיע

די נייטיקע געלט-מיטלען. זיי אָרגאַניזירן אַפילע אין דער לעצטער צייט אַרום בייסמעדרעש פֿאַרשיידענערליי עקאָנאָמישע כעוורעס, קעדיי אַזוי אַרום צו געווינען די סימפּאַטיעס פֿון די אָפּגעשטאַנענע אידישע שיכטן.

מיט קינע קוקן אונזערע אידישע קלעריקאַלן אַף זייער גליקלעכן ברודער אין די בורזשואַזע לענדער און האָפן נאָך דערלעבן צו בעסערע צייטן.

דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף אין זיין אַרבעט זיך אָפּשטעלן אַפן אידישן קלעריקאַליזם בא אונז און אין אויסלאַנד, דעמאַסקירן דעם שווינדל פֿון די ניט געבעטענע באַלטויוועס און צדאָקע-געבער, אופדעקן פֿאַר די בריי-טע אידישע מאַסן די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע ראָלע פֿון דידאָזיקע לייט.

IV אָפּטײל

צו דער מעטאָדיק פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע

ל. טראָצקי

דער באַטייט און די וועגן פון דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

בא היינטיקער צייט איז אינגאַנצן קלאָר און אומבאַשטרייטבאַר, אז אונזער אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע, אינגאַנצן גענומען, קאָנען מיר בעשומ־אופן ניט שטעלן אין דער פלאַך פון הוילער קפירע (קאַמף קעגן גאָט). דאָס איז קנאַפּ פאַר אונז! מיר שטויסן ארויס דעם מיסטיציזם דורכן מאַטעריאַליזם, פאַרברייטערנדיק קוידעם־קאָל די קאָלעקטיווע דערפאַרונג פון די מאַסן, העכערנדיק זייער האַשפּאָע אַף דער געזעלשאַפט, צערוקנדיק די ראַמען פון זייער פּאָזיטיווער קענטעניש, און אפן דאָזיקן באָדן דערלאַנגען מיר, וואו מע דאַרף, דירעקט קלעפּ די רעליגיעזע פאַרורטיילן.

די פראַגע וועגן רעליגיע האָט א קאָלאָסאַלן באַטייט און איז אַמיינגסטן פאַרבונדן מיט דער גאַנצער קולטור־אַרבעט און מיט דער סאָציאַליסטישער בויאונג. מאַרקס האָט אין דער יוגנט געזאָגט: „די קריטיק פון דער רעליגיע איז די פּאָרהאַנאַכע פאַר יעדער אנדער קריטיק". אין וואָס פאַר א זין? אין דעם זין, וואָס רעליגיע איז א געוויסע קלוימערשטע וויסנשאַפט וועגן דער וועלט. די קלוימערשטקייט פון דער דאָזיקער וויסנשאפט פליסט אַרויס פון צוויי קוואַלן: די שוואַכקייט פונם מענטשן קעגן דער נאַטור און דער מישמאַש פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש. האָבנדיק אָפּשיי פאַר דער נאַטור אָדער אונטערגעבנדיק זיך צו איר, ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אָדער אונטערגעבנדיק זיך צו זיי, פּרואווט זיך דער געזעלשאַפטלעכער מענטש צו פאַרבינדן די עקן, שאַפנדיק פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, באַטיילנדיק זיי מיט אַ קלוימערשטער רעאַלישקייט און שטעלנדיק זיך אַף די קני פאַר זיין אייגענער שאַפונג. אין גרונט פון דער דאָזיקער שאַפונג ליגט די פּראַקטישע באַדערפעניש פונם מענטשן אין א אָריענטאַציע, וועלכע נעמט זיך ווידער פון די באַדינגונגען פונם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. אין דער רעליגיע ווערן אויסגעדריקט די זוכענישן פון א פּאַראַלגעמיינערטער אָריענטירונג אין די אַרומיקע באַדינגונגען און אין די מיטלען פון קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אין דער דאָזיקער אָריענטירונג גופא זיינען דאָ אויך פּראַקטישע, צוועקמעסיקע

קלאָלים. אָבער דאָס אַלץ איז פּאַרפּעסטיקט געוואָרן דורך א מיטוס, דורך פאַנ-
טאַסטיק, אבערגלויבן, דורך קלוימערשטער וויסנשאַפט. אף וויפל די גאַנצע
אַנטוויקלונג פון דער קולטור איז די אָנזאַמלונג פון וויסנשאַפט און קענטעניש,
אַף אַזויפיל איז די קריטיק פון דער רעליגיע א פאָרהאנאכע פאַר יעדער אַנ-
דער קריטיק: קעדיי דורכצושלאָגן אַ וועג פאר א ריכטיקן אָדער רעאַלן וויסן, מוז
מען באזייטיקן דאָס פיקטיווע וויסן. דאָס איז אָבער ריכטיק נאָר אין דעם פאַל,
ווען מע נעמט די פראַגע אין איר פולן פאַרנעם. היסטאָריש אָבער ווערט קאָמ-
בינירט דאָס רעאַלע וויסן אין פארשיידענע פאָרמען און פּראָפּאָרציעס מיט רע-
ליגיעזע פאָרורטיילן ניט בלויז אין אינדיווידועלע פאַלן, נאָר אויך אין דער
אַנטוויקלונג פון גאַנצע קלאַסן. דער קאַמף מיט דער געגעבענער רעליגיע
אָדער מיט רעליגיע ביכלאַל און מיט אַלע מינים מיטאָלאָגיע און אבערגלויבן
קאָן זיין דערפאָלגרייך נאָר דאַן, ווען די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע הייבט אָ
סויסער זיין די באדערפענישן פונם געגעבענעם קלאַס באַ דער נייער געזעל-
שאַפטלעכער אָריענטאַציע. מיט אנדערע ווערטער, ווען די אָנגעזאַמלטע קענ-
טענישן און די באַדערפעניש אין קענטענישן שטעלן זיך ניט אויס אין די
ראַמען פון די קלוימערשטע עמעסן פון דער רעליגיע און צעדרייסן זיי, דאַן
איז אָפּטמאָל גענוג איין זעץ מיטן קריטישן מעסער, אַז די שאָלעכץ פון דער
רעליגיעזישקייט זאָל אראָפּפאַלן.

די דערפאָלגרייכקייט פונם אַנטירעליגיעזן אָנגריף, וואָס מיר האָבן דורכ-
געמאַכט פאר די לעצטע יאָרן, דערקלערט זיך טאַקע דערמיט, וואָס די פאָר-
שריטלעכע שיכטן פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די שול
פון דער רעוואָלוציע, ד. ה. פון אן אַקטיווער באַציאונג צו דער מעלוכע און
צו די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, פלעגן פון זיך לייכט אַראָפּטרייסלען די שאָ-
לעכץ פון רעליגיעזע פארורטיילן, וועלכע זיינען לעגאַמרע אונטערגעריסן גע-
וואָרן דורך דער פאָרגייענדיקער אַנטוויקלונג. אָבער די לאַגע ענדערט זיך
גאַנץ באדייטנדיק, ווען די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פארשפּרייט איר האַש-
פּאָע אף די וויניקער אַקטיווע שיכטן ניט בלויז פונם דאָרף, נאָר אויך פון
דער שטאָט. יענע רעאַלע קענטענישן, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן, זיינען אַזעלכע
באַגרענעצטע און טיילווייזע, אַז זיי קאָנען הויזן מיט די רעליגיעזע פארור-
טיילן. די הוילע קריטיק פון דידאַזיקע פארורטיילן, ניט געפינענדיק קיין אָנ-
שפּאר-פּונקטן אין דער פּערזענלעכער אָדער קאָלעקטיווער דערפאַרונג, האָט
קיין פולע ניט. דאַן ווערט נייטיק צוזוגיין פונם צווייטן עק: פאַרברייטערן די
ספּערע פון דער געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג און פונם רעאַלן וויסן. די
וועגן צו דעם זיינען פארשיידענע: געזעלשאַפטלעכע גאָרקיכן און זויג-הייזער
קאָנען געבן א רעוואָלוציאָנערן שטויס דעם באַוואוסטזיין פון דער פרוי—דער
באַלעבאָסטע און קאָנען גוואַלדיק פאַרגיכערן דעם פּראָצעס פון איר אָפּרייסן זיך
פון דער רעליגיע. דאָס פארניכטן היישעריקן דורך אַוויאַ-כעמישע מיטלען קאָן
שפּילן א גרויסע ראָלע בענוגייע צום פויער. דער פאַקט פון באַטייליקן
זיך אין לעבן פון קלוב, וועלכער פירט אַרויס דעם אַרבעטער און די אַרבע-

טאָרן פון די איינגע שטייגן פון דער פאַמיליען-דירעלע, איז אויך איינער פון די וועגן צו באַפרייען זיך פון רעליגיעזע פארורטיילן, און אזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. דער קלוב קאָן און דארף אויסמעסטן די ווידערשטאַנד-קראַפט פון די רעליגיעזע פאַרורטיילן און געפינען די אומוועגן אין זין פון פארשפרייטן דערפאַרונג און וויסן. אַזוי אַרום ווערן אויך אינם אַנטירעליגיעזן קאַמף די פעריאָדן פון אָפענער פראָנט-אַטאַקע פארביטן אַף פעריאָדן פון בלאָקאַדע, אונטערגראָבונגען, אַרומיקע באַוועגונגען. אינאַלגעמיין און אינגאַנצן גענומען, זיינען מיר איצט טאַקע אַריינגעטראָטן אין אַזאַ פעריאָד, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז אַף ווייטער וועלן מיר איבעראַנייס ניט איבערגיין צו אן אַטאַקע מיט אַ צעוויקלטן פראָנט. מע דארף זי נאָר צוגרייטן.

איז אונזער אַטאַקע אַף דער רעליגיע געווען געזעצלעך אָדער אומגעזוצלעך? געזעצלעך. האָט זי געהאַט אַ פולע? געהאַט. וועמען האָט זי געבראַכט צו אונז? יענע, וועלכע זיינען דורך דער ביזאַהעריקער דערפארונג געווען צוגעגרייט אַף צו באַפרייען זיך אינגאַנצן פון די רעליגיעזע פאדורטיילן. און ווייטער? ווייטער בלייבן יענע, וואָס אַפילע די גרעסטע דערפארונג פון אָקטיאַבר האָט זיי אַף אַזויפיל ניט אַ טרייסל געטון, זי זאָל זיי באַפרייען פון דער רעליגיע. דורכן פאָרמעלן מעטאָד פון אַנטירעליגיעזער קריטיק, סאטירע, קאַריקאַטורן א. א. קאָן מען דאָ זייער ווייניק דערגרייכן. און ווען מע זאָל צופיל אָנקוועטשן, קאָן מען באקומען אַ פארקערטע פולע. דאָ דאַרף מען ווידער עקבערן אַ פעלז. עמעס, דער פעלז איז גאָר ניט אזוי פעסט—אונטערלייגן דינאַמיט-פאַטראָנעס, דורכציען ביקפאָרד-שנור... אין אַ צייט אַרום וועט פאָרקומען א נייער אופרייס און א נייער אָפפאַל, ד. ה. אַ נייער פאָלקס-שיכט וועט אָפגעריסן ווערן פונם פאַרגליווערטן פעלז... די רעזאָלוציע פונם XIII פאַרטיי-צוזאַמענפאָר זאָגט אונז טאַקע וועגן דעם, אַז אינם דאָזיקן געביט מוזן מיר איצט אַריבערגיין פון אופרייס צו אַ מער דויערהאַפטער אַרבעט פון צעטרייסלען, קוידעמקאָל, דורך נאַטורוויסנשאַפטלעכער פראָפאַגאַנדע.

קעדיי צו באַווייזן, ווי אַזוי אַ ניט צוגעגרייטע פראָנט-אַטאַקע אף די רעליגיעזע פארורטיילן קאָן אַמאָל געבן אומדערוואַרטע רעזולטאַטן, וויל איך ברייגגען זייער אן אינטערעסאַנטן ביישפיל, גאָר א פרישן, וואָס איינצלנע כאַווירים האָבן מיר דערציילט, ווייל דערדאָזיקער ביישפיל איז, צום באַדויערן, ניט באַלויכטן געוואָרן אין דער פרעסע. איך מיין די מאַיסע מיט דער נאָרוועגישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ווי איר געדיינקט, מיסטאַמע, האָט זיך פאראַיאָרן די-דאָזיקע פאַרטיי צעשפאָלטן אַף אן אָפאָרטוניסטישער מערהייט, אונטער דער אָנפירונג פון טראַנמעלן, און אַ רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט, וועלכע איז געטריי דעם קאָמינטערן. איך האָב געפרעגט אַ כאַווער, וואָס האָט געלעבט אין נאָרוועגיע, ווי אַזוי איז דאָס טראַנמעלן געלונגען אַוועקצופירן נאָך זיך די מערהייט, פארשטייט זיך, צייטווייליק. אַלס אַף איינער פון די סיבעס האָט ער אָנגעוויזן אף דער רעליגיעזישקייט פון די נאָרוועגישע אַרבעטער-פישער. דער פיש-געשעפט האָט, ווי איר ווייסט, זייער א נידעריקע טעכניק און הייגגט אָפ

אינגאַנצן פֿון דער סטיכיע. אָט דאָס איז די באַזע פֿאַר פֿאָרורטיילן, פֿאַר אַבערגלויבעניש, און פֿאַר די נאָרוועגישע פֿישער, ווי ס'האָט זיך שאַרפֿזיניק אויסגעדריקט דער כאַווער, וואָס האָט מיר דערציילט דעמדאָזיקן עפּיזאָד, איז די רעליגיע עפּעס אַ מין פּראָדקליידונג. דאָרטן, אין סקאַנדינאַוויע, זיינען געווען אינטעליגענטן, אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבן קאָקעטירט מיט דער רעליגיע. מע האָט זיי אָפּגעשמיסן מיטן אומראַכמאָנעסדיקן קאַנטשיק פֿון מאַרקסיזם גאָר ווי עס דאַרף צו זיין. דערמיט האָבן זיך קונציק באַנוצט די נאָרוועגישע אָפּאָרטוניסטן, קעדיי אַוועקצושטעלן די פֿישער קעגן דעם קאָמינטערן. דער פֿישער, וועלכער איז רעוואָלוציאָנער געשטימט, וועלכער פֿילט-מיט דער ראַטן-רעפּובליק, וועלכער האַלט מיט דער גאַנצער נעשאָמע זיינער פֿאַרן קאָמינטערן, האָט זיך געזאָגט: קומט אויס—אָדער פֿאַרן קאָמינטערן, און דאַן איז אָן גאָט און אָן פֿיש, אָדער, מיט האַרצווייטיק, אָפּטיילן זיך. און ער האָט זיך אָפּגעטיילט. אָט מיט וואָס פֿאַר אַ שאַרפֿן שפּיץ די רעליגיע שניידט זיך אַמאָל אריין אַפֿילע אין דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק.

געוויס קאָן מען דאָס זאָגן נאָך אין אַ גרעסערער מאָס בענוגייע צו אונזער פֿויערטום, וואָס זיין שטייגערישע רעליגיעזישקייט איז אינגאַנצן פֿאַרבונדן מיט די באַדינגונגען פֿון זיין אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפֿט. אינגאַנצן וועלן מיר מעגנאַצייעך זיין די רעליגיעז-שטייגערישע פֿאָרורטיילן פֿונם פֿויערטום נאָר דורך דער עלעקטריפֿיקאַציע און כעמיזאַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. דאָס הייסט, פֿאַרשטייט זיך, ניט, אַז מיר דאַרפֿן זיך ניט באַנוצן מיט יעדער איינצלנער טעכנישער אויסבעסערונג און ביכלאַל מיט יעדן גינסטיקן געזעלשאַפֿטלעכן מאָמענט פֿאַר דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. ניין. דאָ איז אַלץ פֿאַר אונז, ווי פֿריער, אָבליגאַטאָריש, אָבער די אַלגעמיינע פּערספּעקטיוון מוזן מיר ריכטיק אַרומכאַפּן. דורכן פּאָשעטן פֿאַרמאַכן די קלויסטערס (שולן), ווי מע האָט עס געטון אין אייניקע ערטער, און דורך אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע עקסצעסן קאָן מען דאָ ניט בלויז ניט דערגרייכן קיין אַנטשיידנדיקן דערפֿאָלג, נאָר פֿאַרקערט, מע קאָן נאָך צוגרייטן אַ פֿאַרשטאַרקטן רעצידיוו פֿון רעליגיעזישקייט... אויב ס'איז ריכטיק, אַז די רעליגיעזע קריטיק איז אַ פֿאַרהאַנאָכע פֿאַר יעדער אַנדער קריטיק, איז אָבער אויך ניט ווייניקער ריכטיק פֿאַר אונזער עפּאָכע, אַז די עלעקטריפֿיקאַציע פֿון דער ערדאַרבעט איז די פֿאַרהאַנאָכע פֿאַרן ליקווידירן די פֿויערשע אַבערגלויבעניש. וועגן דער מעגלעכער באַדייטונג פֿון דער עלעקטריפֿיקאַציע אין דער אַרבעט וועל איך ברייגען די וואונדערבאַרע ווערטער פֿון ענגעלסן, וועלכע זיינען געווען ביז איצט אומבאַקאַנט. ניט לאַנג האָט דער כאַווער ריאַזאַנאָוו צום ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזט דעם בריוו-ווערקסל צווישן ענגעלסן מיט בערנשטיינען און קויטסקין—אויסטערלישע בריוו. איך וויל איצט ברייגען אַ ציטאַטע, וועלכע האָט אַ דירעקטע שייכעס צו דער פֿראַגע וועגן עלעקטריפֿיקאַציע און צום באַזייטיקן דעם טהאָם צווישן שטאָט און דאָרף. דעם בריוו האָט ענגעלס אָנגעשריבן צו בערנשטיינען אין 1883 יאָר. און מע דאַרף זאָגן, אַז ערשט אין 1882 יאָר האָט דער פֿראַנצויזישער אינזשענער

דעפרע אַנטדעקט דעם מיטל, וויאַזוי איבערצוגעבן עלעקטרישע ענערגיע איבער א דראָט אף א מעהאַלעך. אַף ענגעלסן, וועלכער איז געווען זייער פיל־באר בענויגייע צו יעדער דעראָבערונג אין דער נאַטורוויסנשאַפט, טעכניק און ד. גל., האָט דאָס געמאַכט א קאָלאָסאַלן רוישעם, און ער האָט אָנגעשריבן בערנשטיינען: „די נייסטע אַנטדעקונג פון דעפרע... באַפרייט די אינדוסטריע קימאַט פון אלע לאקאלע גרענעצן, מאַכט פאר מעגלעך אויסצונוצן אַפילע די סאַמע ווייטע וואַסער־קרעפטן. און אויב אפילע דערמיט וועלן זיך טכילעס באַנוצן בלויז די שטעט, מוז זי דאָך סאָפקאָלסאָף ווערן דער מעכטיקסטער הויבער אף צו פארניכטן דעם אַנטאגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף”. וולאַדימיר איליטש האָט ניט געוואוסט פון דידאָזיקע שורעס. דער גאַנצער בריוו־וועקסל האָט זיך באַוויזן ערשט ניט לאנג, די בריוו זיינען געווען ערגעץ באהאַלטן בא בערנשטיינען, ביזוואַנען דער כ. ריאַזאַנאָוו האָט זיי ניט אָפּגעזוכט. איך ווייס ניט, צי וויסן אלע כאַוויירים, מיט וואָס פאר אן אָנגעשטריינגטער אופמערקזאַמקייט און אַפילע מיט וואָס פאר אן אָנגעשטריינגטער ליבע לעניו פלעגט געפינען בא די אַלטע לערער, מאַרקס און ענגעלס—אַלץ נייע און נייע ראַיעס צו זייער שאַרפכושיקייט, צו דער אוניווערסאַלישקייט פון זייער געדאַנק, צו זייער קענטשאַפט ווייט א קוק צו טון פאָרויס. בא מיר איז קיין סאָפעק ניט, אז דידאָזיקע ציטאַטע, וואו אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי עס איז דעמאָנסטרירט געווען—אין עצעם נאָר אין א לאבאָראטאָרישן מאַס־שטאַב—דער מיטל, וויאַזוי איבערצוגעבן עלעקטרישע ענערגיע אף א מעהאַלעך, קוקט שוין ענגעלס איבערן קאָפּ פון דער אינדוסטריע אַפן דאָרף און זאָגט, אַז די נייע דערפינדונג איז אַ מעכטיקער הויבער אף צו פארניכטן דעם אַנטאגאָניזם צווישן שטאָט און דאָרף. בא מיר איז קיין סאָפעק ניט, אַז לע־נין וואָלט איינגעפירט דידאָזיקע ציטאַטע אין אומגאַנג פון אונזער פארטייאישן געדאנק, ווען דו לייענסט דידאָזיקע ענגעלסעס ווערטער, דוכט זיך אויס, אַז דער אַלטער פרידריך רופט זיך איבער פונם אָקעאַן־גרונט (ער איז פארברענט געוואָרן און זיין אַש איז דערטרונקען געוואָרן, לויט זיין צאַוואָע) מיט אי־ליטשן פונם רויטן פלאַץ...

כאַוויירים! דער פּראָצעס פון ליקווידירן די רעליגיע איז א דיאַלעקטישער. ער האָט אין זיך פּעריאָדן פון פארשיידענעם טעמפּ, וועלכע ווערן באַשטימט דורך די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג. די קלובן דארפן זיין אַכטונג־פּונקטן. זיי דאַרפן שטענדיק העלפן דער פּאַרטיי צו געפינען אין דער־דאָזיקער פּראַגע די געהעריקע אָריענטירונג, אויסרעכענען דעם מאָמענט, נעמען א ריכטיקן טעמפּ.

די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דער רעליגיע וועט דערגרייכט ווערן נאָר בא דער צעוויקלטער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ד. ה. בא אזאַ טעכניק, וועלכע באַפרייט דעם מענטשן פון די דערנידערנדיקע פאָרמען פון אָפּהיינגי־קייט פון דער נאַטור, און בא אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישן, וועל־כע האָבן אין זיך ניט קיין רעטעניש, וועלכע זיינען דורכזיכטיק אַף דורך

און-דורך און וועלכע דריקן ניט דעם מענטשן. די רעליגיע זעצט איבער אף דער שפראך פון פאנטאסטישע געשטאלטן דעם טויהו-וואוואיהו פון דער נאטור און דעם כאאס פון די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. מער ניט, די ליקווי־דאציע פונם וועלט-כאאס קאן פארענדיקן איינמאל פאר אלעמאל מיט זיין רעליגיעזער אפשפיגלונג. א באוואוסטזיניקע, פארנונפטיקע, פלאנעוודיקע אנ־פירונג מיט אלע זייטן פונם געזעלשאפטלעכן לעבן וועט אף אייביק פארניכטן יעדע מיסטיק און שיידים-קונצן.

(פון דער רעדע: „לעניניזם און קלוב-ארבעט”, געלייענט דעם 17 מאי 1924 יאר.)

ווי אזוי מע דארף פירן די אנטירעליגיעזע פראפא־גאנדע אין דער אידישער סוויווע.

מע דארף געדיינקען, אז די רעליגיע איז געווען די ערשטע פארענדיקטע וועלטאנשויאונג, וועלכע האט דעם מענטשן געגעבן אן ענטפער אף אלע דערשיינונגען פון וועלט און לעבן. דא ליגט דער סאד דערפון, פארוואס די רעליגיע האט באהערשט דעם מויעך און הארץ פונם מענטשן אין מעשעך פון טויזנטער יארן. דער מענטש, וועלכער האט ניט באנומען די ארומיקע נאטור, האט געמוזט אנקומען צו איבערנאטירליכע קויכעס, קעדיי צו דערקלערן די נאטור-דערשיינונגען. ווילן מיר ארויסשטויסן די רעליגיע פון אירע פאזיציעס, מוזן מיר קוידעמקאל פארבייטן די רעליגיעזע וועלטאנשויאונג אף א וויסנ־שאפטלעכער. און פארבייטן א וועלטאנשויאונג איז זייער א קאמפליצירטע זאך. מיט עטלעכע שמועסן וועגן דער שעדלעכקייט פון דער רעליגיע קאן מען דאס ניט אפטון. מע מוז פירן א דויערנדיקע סיסטעמאטישע אויפקלערערישע ארבעט אף אלע געביטן פון געזעלשאפט און נאטור. בלויז מיטן איינווארצלען אין מויעך פונם מענטשן דעם געדאנק, אז יעדע דערשיינונג האט איר סיבע און נאטירלעכע דערקלערונג, ווערן אופגעטרייסלט די זיילן פון דער רעליגיע.

דערפאר דארפן מיר אנהייבן אונזער קאמף קעגן דער רעליגיע און אירע פארורטיילן פון שמועסן וועגן נאטורוויסנשאפט. יעדער נייער פראט, וואס די צוהערער באקומען פון דער לעקציע איבער די נאטור-קרעפטן (פיזיק, כעמיע, א. א. וו.), איז אן אופרייס-מינע, אונטערגעלייגט אונטערן ביניען פון דער רעליגיע. ווען דער צוהערער באקומט, לעמאשל, די יעדיעס, ווי אזוי די וויסנשאפט דערקלערט די אנטשטייאונג פון דער וועלט (די היפאטעזעס פון לאפלאס א. א.), ווי אזוי דאס לעבן האט זיך אנטוויקלט אף דער ערד (דאר־וויניזם), הייבן בא אים אן פלאצן די בערייִשים-לעגענדעס פונם כומעש ווי

זייפן-בלאָזן. פאַרשטייט זיך, אַז מיטאַמאָל קומט עס ניט פאָר, דער מויעך פונם פאָשעטן מענטשן קאָן דאָס נאָר בעהאדראָגע איבערקאָכן.

באַם פירן די אַנטירעליגיעזע קאַמפאַניע מוז מען אַלעמאָל האָבן אין אויג דעם באַשטאַנד פון דער אוידיטאָריע. פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן פאָדערן צו זיך א פאַרשיידענעם צוגאַנג.

דער שטאָטישער פראָלעטאַריאַט איז ווייניקער רעליגיעז פון אַלע איבעריקע קלאַסן. ער איז ניט אַזוי אָפהייִנגיק פון די נאַטור-קרעפטן, ווי דער פויער, לעמאָשל. זיין אַרבעט קומט פאָר אין א סוויווע, וואו אלץ איז געזעצמעסיק און גענוי אויסגערעכנט: ער שטייט באַ דער מאַשין, וועלכע ער קאָן אויסגעצייכנט און פאַרשטייט דעם גאַנצן פראָצעס פון איר אַרבעט. ניטאָ באַ אים קיין צופעליקייטן אין זיין אַרבעט: שטעלט זיך אָפ די מאַשין, זעט ער באַלד די סיבע אַפן אָרט, און געפינט זי גאַנץ נאַטירלעך.

דאָס לעבן פונם אַרבעטער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען און גרויסע קאָלעקטיוון מאַכט אים פאַר אן אַקטיוון שאַפער און בויער פון דער געזעלשאַפט און פון אירע פאָרמען; זיין פאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פילט אָן זיין גייסטיק לעבן און לאָזט זייער ווייניק אָרט פאַר רעליגיעזע אבערגלויבענישן. דערפאַר איז דאָ לייכטער צו פירן די אנטירעליגיעזע פראָפאַגאַנדע, און די אויפגאַבע פון דער פראָפאַגאַנדע דאַרף דאָ זיין: **אויסאַרבעטן א מאַרקסיסטיש-מאַטעריאַליסטישע וועלט-אנשויאונג.**

די אַרבעטער דאַרפן דורכגעדרונגען ווערן מיטן געדאַנק, אַז די רעליגיע טראָגט א קלאַסן-כאַראַקטער, אַז זי איז א געצייג פון סאָציאַלער אונטערדריקונג, און דערפאר איז דער אַנטירעליגיעזער קאַמף אן אָרגאַנישער טייל פון זיין קלאַסן-קאַמף.

אַף אַזאַ אויפן ווערן די אנטירעליגיעזע **שטימונגען**, וועלכע זיינען געוויס פאַראַן באַם אַרבעטער, פאַרוואַנדלט אין א פעסטן איבערצייגטן **באַוואוסטזיין**, אין א טייל פון א וועלטאנשויאונג.

גאָר אַנדערש דאַרף זיין דער צוגאַנג צום פויער — קאָלאָניסט. דער פויער פאַרשטייט ניט, פון וואַנען עס נעמען זיך די נאַטור-קויכעס, וועלכע ווירקן אַזוי שטאַרק אַף זיין אַרבעט און לעבן. ער קאָן ניט רעגולירן זיין ווירטשאפט און באַפרייען זיך פון דער בלינדער נאַטור-סטיכיע. א האָגל, א פאַרפלייצעניש, א פאַרטריקעניש זיינען באַ אים אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. דאָס איז די סיבע, וואָס דער פויער גלויבט שטאַרקער פון אַלע אַנדערע שיכטן אין גאָט, אלס איבערנאַטירלעכע קראַפט.

די צוגעבונדנקייט פונם פויער צו זיין שטיקל נאַכלע, זיין אומבאַוועגלעכקייט האָבן אויסגעאַרבעט באַ אים א קאָמפלעקס פון פרימיטיווע פאָרשטעלונגען, וועלכע גייען איבער ביערושע פון דאָר צו דאָר, קימאט אָן שום ענדערונגען. דערצו האָבן נאָך די פריצים און קאַפיטאַליסטן געזאָרגט דערפאַר, אַז אין דאָרף זאָל ניט אַריינדרינגען קיין שום שטראַל פון בילדונג און וויסנשאפט.

דער פויער איז דעריבער זייער קאָנסערוואַטיוו אין זיין דיינקען און ס'איז אים שווער זיך אַרויסצורייסן פון די קייטן פון די אַלטע טראַדיציעס.

צו א פויערשער אוידיטאָריע דאַרף מען צוגיין זייער פּאָרזיכטיק. מע דאַרף אָנהייבן פון די דערשיינונגען, וואָס רינגלען אים אַרום אין זיין באַגרע־נעצטן קרייז: שמועסן וועגן טרוקעניש, האגל, פּאַרפלייצונגען, רעגן, דונער, בליץ א. א. וו. און פון זיי דאַרף מען צו ביסלעך אַריבערגיין צו דערקלערן די געזעצמעסיקייט פון די נאַטור־דערשיינונגען. א באַזונדער אָרט דאַרף פאַר־נעמען דער קאַמף מיט די ווילדע מינהאָגים, וועלכע זיינען אין דאָרף אסאך שטאַרקער, איידער אין שטאָט.

די אַרבעט אין דאָרף ליגט אינגאַנצן קימאט אפן לערער. געפירט דאַרף זי ווערן אין שול און אין דאָרף־הויז.

דער אידישער נייער איבערוואַנדערער אונטערשיידט זיך פונם אלטן קאָלאָ־ניסט דערמיט, וואָס ער איז נאָר־וואָס פון שטאָט געקומען, און ער איז פריי פון די קאָנסערוואַטיווע אַרבעט־מעטאָדן, באַ וועלכע עס האלט זיך דער אַל־טער פויער. דער אָנווענד פון די נייסטע טעכנישע מעטאָדן פון אַרבעט ווירקן אַף זיינע אנשויאונגען און רייסן נאָך מער אונטער זיינע רעליגיעזע טראַדי־ציעס. דער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף אין זיין אנטירעליגיעזער אַרבעט נעמען דעמדאָזיקן אומשטאַנד אין באַטראַכט.

צווישן די דערמאָנטע צוויי שיכטן — דער אַרבעטער און דער פויער — געפינען זיך — דער שטאָטישער באַלמעלאָכע און אָרעמקייט. דאָס איז א קאַ־טעגאָריע מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין איינגעשטעלטן עקאָנאָמישן באָדן. זיי הייגגען אָפּ פון פאַרשיידענע צופעליקע סאָציאַלע מאָמענטן. זייער עקזיס־טענץ איז קיינמאָל ניט קיין זיכערע. זיי וואקלען זיך שטענדיק פון דער בורזשואַזיע צום פּראָלעטאַריאַט. זייער אידעאָלאָגיע איז דערפאַר א וואקל־דיקע, מיט אַ גרויסער פייאיקייט אופצונעמען די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע. זייער סאָציאַלע אומזיכערקייט — דאָס איז דער יעסאָד פון זייער רעליגיעזן גלויבן. זיי הייגגען ניט אָפּ, ווי דער פויער, פון דער נאַטור־סטיכיע, זייער גורל הייגגט אָבער אָפּ פון די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן אינם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אויפן, וועלכן זיי קענען ניט באַגרייפן. אין דער איבערגאַנג־עפּאָכע פונם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם זיינען זיי דער סאָאיר־לאַזאָזל, אַף וועלכן עס שיטן זיך קלעפּ פון אַלע זייטן. זייער האָפענונגלאָזיקייט שפּייזט זייערע רע־ליגיעזע גלויבונגען. די בורזשואַזיע נוצט אויס דידאָזיקע לאַגע אין קאַמף קעגן פּראָלעטאַריאַט.

מיטן געזונט מאַכן די עקאָנאָמישע לאַגע פונם דאָזיקן שיכט, מיטן איבער־גאַנג פון די לופט־מענטשן צו ערד־אַרבעט ווערט געמאַכט א סאָף אויך צו זייערע רעליגיעזע שטימונגען.

די אופגאַבע פונם אַנטירעליגיעזן פּראָפּאַגאַנדיסט איז — מיטצוהעלפן דעם־דאָזיקן פּראָצעס. אין זיין פּראָפּאַגאַנדע דאַרף ער קודעמקאָל דער־קלערן דעם באַלמעלאָכע די נאָענטסטע סאָציאַלע דערשיי־

נונגען פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט: נאָכפרעג און אנבאט, די קאָניונקטור פונם מאַרק, די סיבעס פון קריזיסן, ספעקוליאַציע א. א. וו. און אזוי ארום דערקלערן דעם גאַנצן סאָציאַלן מעכאַניזם פון דער געזעלשאפט.

די פרוי איז קאָנסערוואַטיווער פונם מאַן. זי האלט זיך לייגער באַ די רעליגיעזע פאַרשימלטע טראַדיציעס. איר דווירעסדיקער זיצן אין שטוב, אירע שטענדיקע דאַיגעס פאַרן האָדעווען די קינדער האָבן באַ איר אַטראָפירט דעם געזעלשאַפטלעכן כוש און דאָס האָט מעמיילע פאַרשטאַרקט אירע רעליגיעזע געפילן און שטימונגען.

דער פראָפּאַגאַנדיסט דאַרף נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקייט פון דער פרויען-לאַגע, און צופאַסן דערצו זיין אַרבעט.

צום סאָף דאַרף מען באַמערקן אייניקע פראַטים, אף וועלכע דער פראָפּאַגאַנדיסט אין דער אידישער סוויווע דאַרף זיך ספּעציעל אָפּשטעלן. דאָס איז: 1) די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פון די אידישע מאַסן האָט געשאַפן א גינסטיקן באָדן פאַר רעליגיעזע שטימונגען, וועלכע זיינען גוט אויסגענוצט געווארן פון דער אידישער בורזשואַזיע, 2) די האָפענונגלאָזע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע מאַסן האָט געגעבן א מעגלעכקייט דער בורזשואַזיע צו „טון טויוועס" און צו וואַרפן פאַר זיי אביינדל אין דער געשטאַלט פון צדאָקע, וועלכע פלעגט דורכגעפירט ווערן דורך דער רעליגיעזער קהילע און אַנדערע רעליגיעזע כעוורעס. אַזוי אַרום פלעגט די בורזשואַזיע קריגן די גרעסטע ווירקונג אַף די אידישע מאַסן און פאַרשלעפערן זייער באַוואוסטזיין. מיט דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָט די אידישע מאַסע אַראָפּגעוואָרפן די אפיטראפסעס פון די ניט-געבעטענע באַלטויווועס מיט זייערע רעליגיעזע וועקסלען אף אוילעם-האבע.

וויאַזוי צו פירן די אַנטירעליגיעזע פראָפּאַגאַנדע אין שול.

לויט די דעקרעטן פון דער ראַטנמאַכט איז די שול אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער קירך. דאָס הייסט אַז אין שול טאָרן ניט געלערנט ווערן קיינע שום רעליגיעזע לימודים; די שול האָט צו טון בלויז מיט וועלטלעכע לימודים, און דאָס קינד טרעפט דאָרט ניט קיינע שום שפורן פון רעליגיע. אָבער דאָס קינד געפינט זיך אין שול בלויז עטלעכע שאָ אין טאָג. די איבעריקע צייט איז ער אינדערהיים אונטער דער ווירקונג פון די עלטערן און פון דער מישפּאָכע. אין גרעסטן טייל הייזער הערשן נאָך די אַלטע רעליגיעז-טראַדיציאָנעלע לעבנספאָרמען (שאַבעס, יאָנטעוו א. וו.) און דאָס קינד קומט אין שול ניט אלס tabula rasa (ליידיקער טאָוול), נאָר פול מיט איינדרוקן און עמאָציעס

פון דער היימישער סוויווע. באַ דער מערהייט עלטערן, — אָפּטמאָל אַפּילע אַרבעטער — פּראַוועט מען נאָך יאָנטעוו, מע פייערט נאָך פּייסאַך, מע פאַסט נאָך יאָמקיפּער א. ד. ג. אינם קינדס מויעך ווערט געשאַפן אַ סטירע צווישן שול און היים. דערפאַר איז ניט גענוג דאָס, וואָס די שול האָט אויסגעשלאָסן די רעליגיע פון לימודים-קרייז; קעדיי אויסצואַרבעטן באם קינד אַ געזונטן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו וועלט, מענטש און לעבן, מוז די שול באַקעמפן אַקטיוו די רעליגיעזע האַשפּאָעס פון דער היימישער סוויווע.

די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע דאַרף ניט אויסגעטיילט ווערן אין אַ באַזונדער דיסציפלין, מע דאַרף זי איינגלידערן אין די באַזונדערע קאָמפּלעקסן איבער פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן (ווי נאַטורוויסנשאַפט און געזעלשאַפטקענטעניש) אין פאַרבינדונג מיט די רעליגיעזע יאָנטויווים.

די יאָנטויווים לאָזן איבער די שטאַרקסטע שפּורן אַפן קינדס מויעך מיט די פייערלעכע צערעמאָניעס, וועלכע באַגלייטן זיי. די שול דאַרף דעריבער לייגן אַכט אַף די יאָנטויווים. דאָס קינד דאַרף זיך דורכדרינגען מיטן געדאַנק, אַז די רעליגיעזע יאָנטויווים זיינען געגרינדעט אַף פאַרקנעכטונג, ניט אַף באַפרייאונג. אנקעגן די נאַציאָנאַל-רעליגיעזע יאָנטויווים דאַרפן אוועקגעשטעלט ווערן די רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַלע יאָנטויווים פונם אַרבעטער-קלאַס.

די קינדער קומען אין שול מיט די מאַיסעס, וואָס זיי הערן זיך אָן אין-דערהיים וועגן ניסים פון יעציעס-מיצראים, קריעס-יאַמסוף, מאַן פון הימל א. א. וו. די אופגאַבע פונם לערער איז קלאָר צו מאַכן פאַר זיך אליין דעם קינדערשן באַגאַזש: וואָס וויסן זיי וועגן דעם אָדער יענעם יאָנטעוו, ווי-אַזוי באַנעמען זיי די לעגענדעס. צוליב דעם ציל דאַרף מען אויסאַרבעטן אַ ספּעציעלע אַנקעטע מיט באַשטימטע פראגן, אף וועלכע די טאַלמידים גיבן אן ענטפער.

דער לערער דאַרף מאכן די אויספירן פון דער אנקעטע אַזוי, אַז די קינ-דער אליין זאָלן אריבערגיין צו אלגעמיינע מאָמענטן פון רעליגיע, גלויבונגען: נעשאָמע, גייסטער, טויטע קרויווים, געטער, רעליגיעזע צערעמאָניעס. ס׳דאַרפן אויסגענוצט ווערן עקסקורסיעס אין מוזייען (וואו זיי זיינען דאָ), צויבער-לאַמטערנעס מיט דיאַפּאָזיטיוון א. א. וו.; נאָך דעם אַלעמען דאַרף מען אַריבער-גיין קאָנקרעט צו יעדן יאָנטעוו באַזונדער.

נאָכדעם ווי עס ווערט קלאָר באַם קינד דער אָפּשטאַם פון רעליגיע, דאַרף דער לערער דורך אַן אַנטשפּרעכיקן קאָנקרעטן מאַטעריאַל אופדעקן דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער רעליגיע, אַלס אידעאָלאָגיע פון די עקספּלואַטאַ-טאָרישע קלאַסן, און דערפון וועט מעמיילע קלאָר ווערן, פאַרוואָס די קאָמוניסטן קעמפן קעגן דער רעליגיע.

אַלס מוסטער, וויאַזוי דורכצופירן די אַנטירעליגיע-קאַמפּאַניעס, קאָן מען נעמען דעם אַרטיקל „שול-ארבעט ארום דער אַנטיפייסאַך-קאַמפּאַניע“ פונם כ. האַדאשעוויטש אין ביכל (9) 1 פאַרן יאָר 1925 פונם זשורנאַל „אַף די וועגן צו דער נייער שול“.

אנטירעליגיעזע פראָפּאגאנדע אין די אידישע קלאַסיקער.

קיין אויסגעשפּראָכענעם קאמף קעגן די אידישע רעליגיעזע פאָרורטיילן קאָן מען קימאַט ניט געפינען אין דער אידישער קלאַסישער ליטעראַטור. פאַרקערט, אָפט באמערקן מיר אַ באַשטימטע אידעאַליזאַציע פון דער אַלט-פרייַנקישער פאַרשימלטער טראַדיציע. מער פון אַלץ קאָן מען בא אונזערע קלאסיקער געפינען אַ פּראָטעסט קעגן די אידישע מיטלאַלטערלעכע אינסטי-טוציעס, ווי דער כיידער, ישיווע, קאהאל מיט זיין גאנצן קלאפּערגעצייג (טאַקסעס, גאַבאָים, כעוורעס, פּאַרנייסים, קאָלפעס א. א. וו.). אין די קינסט-לערישע בילדער טרעט בוילעט ארויס די גאנצע עקלהאַפטע יערושע פונם מיטלאַלטער און דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער אידישער קעהילע מיט אירע סטראַפּטשעס, קאָכלעפל, קלאַל-פאַרזאָרגער א. א. וו.

באַזונדערס קאָן דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט געפינען מאַטעריאַל פאַר זיין אַרבעט בא מענדעלען און בא פּערעצן. באם ערשטן האָבן מיר דעם פּראָטעסט קעגן דעם פאַרצייטיקן קאָהאָל מיט אַלע בלוט-צאַפּערס, וואָס האָבן אָפּגעלעקט אַ ביינדל בא דער קאָהאָלשער שיסל. דערביי דאַרף מען באמערקן, אַז מענדעלע פּראָטעסטירט דעריקער קעגן דעם געזעלשאַפטלעכן בייז, וואָס נעמט זיך פונם רעליגיעזן—פון דער קעהילע מיט אירע אינסטיטוציעס—און קעגן דער פאַרדאָרבענער דערציאונג. אין אַלע זיינע ווערק ליגן צעוואָרפן אויצרעס מאַטעריאַל, וואָס קאָן אויסגענוצט ווערן צוליבן קאַמף מיטן כיידער און ישיווע (ווינשפינגערל, קליין מענטשעלע, טאַקסע א. א.).

פּערעץ האָט אין זיינע ערשטע ווערק געפירט אַן אָנגריף דירעקט קעגן די פעסטונגען פון דער אידישער רעליגיע און אירע פאָרשטייער. אין אַ גאנ-צער ריי סקיצן האָט ער בייז אויסגעלאַכט אַלע נארישע און ווילדע אבער-גלויבענישן, מיט וועלכע עס איז פול דאָס אידישע לעבן („דאָס שטריימל”).

באַזונדערס שאַרף איז פּערעץ געווען אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען פונם ערשטן פּעריאָד *). דער פּראָפּאַגאַנדיסט וועט דאָרט געפינען פיל זייטן, וועלכע זיינען נאָך אַדאיעם פריש און אַקטועל און קאָנען ווערן זייער גוט אויסגענוצט פאַר דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

בא שאָלעם-אַלייכעמען איז ניט צו געפינען קיין קאַמף-מאַטעריאַלן אַפן געביט פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. פאַרקערט, פון אַלע זיינע ווערק ווייעט מיט ליבשאַפט צו זיין אָפּגעלעבטער קאַסרילעווקע מיט אַלע אירע מינהאָגים און פּירעכצן. ער אידעאַליזירט דעם ראָוו (יויזעפל), דעם מעלאַמעד, כאַזן און איבעריקע קלייקוידעש. אָבער זיין קינסטלעריש פּענזל האָט עפּשער

*) דער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף געדיינקען, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט פּערעץ אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמאָליקן קאַמף און גערופן „אין שול אַריין”.

קעגן זיינע אייגענע סימפּאַטיעס, ארויסגעשטעלט פאר אונז די אלטע פאַרצייטיקע אידיש-רעליגיעזע וועלט אין איר גאנצער באַגרענעצטקייט און מיעסער עקלהאפטקייט.

שטייגערשע מאטעריאלן אף צו שילדערן די רעליגיעזע אינסטיטוציעס בּא אידן — וועט דער פּראָפּאגאנדיסט געפינען בּא שאָלעם-אליי‎כעמען אָן אַ שיער.

אופגאבן און מעטאדן פון אנטירעליגיעזער פּראפּאגאנדע.

(פון אנטאָן לאָגינאָווס טעזיסן צו דער אנטירעליגיעזער בּאראטונג באַם צ. ק. אל. ק. פּ. אין אַפּריל 1926).

די ריכטיקע לייזונג פון דער פראַגע וועגן די מעטאָדן פון אנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע היינגט קוידעמקאָל אָפּ פון פאָלגנדיקע צוויי טנאָים:

ערשטנס, דערפון, אף וויפל ס'זיינען ריכטיק די באַשטימונגען פונם רעליגיעזן מעהוס, אַף וועלכע ס'שטיצן זיך און פון וועלכע ס'גייען אַרויס אונזערע פּראָפּאגאנדיסטן אין זייער אַרבעט. דער קאַמף מיט דער רעליגיע קאָן זיין אן ערפאָלגרייכער בלויז באַם טנאַי, אויב מ'פאַרשטייט ריכטיק די עצעם נאַטור פון דער רעליגיעזער וועלטאנשויאונג. בלויז ווען מ'שאַצט ריכטיק אָפּ די ראָל פון רעליגיע אינם מענטשנס לעבן, ווען מ'האָט א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן די סיבּעס, וועלכע רופן אַרויס דעם אופשטייג אָדער אָפּפאל פון רעליגיעזע שטימונגען באַ די בּרייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער באַפעלקערונג.

יעדע פארפלאכונג, יעדע איינזייטיקייט אָדער פאַרשמעלערונג באַם באַשטימען דעם מעהוס פון רעליגיע, דאָס ניט דערשאצן וואָס ניט איז פאַר א זייט פון דער רעליגיע — מוז אומפאַרמיידלעך בּריינגען און בּריינגט טאַקע צו פאַרשיידנערליי „אָפּנויגן” אין דער פּראקטיק.

דער צווייטער טנאי באם שטעלן די פראגע וועגן די מעטאָדן איז: די בּייטיקייט אונטערצושיידן צווישן רעליגיע, ווי זי ווערט סוביעקטיוו אופגענומען דורך יעדן גלויבּנדיקן, און צווישן איר אָביעקטיווער ראָלע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די אָביעקטיווע ראָלע פון רעליגיע באַשטייט דערין, וואָס — אומאָפּהייניגיק פון די שטימונגען פונם גלויבּנדיקן — דינט זי ווי א קלאסן-געצייג אין די הענט פון די עקספּלואטאטאָרן, א געצייג אף צו פארשקלאפן און אונטערדריקן די האָרעפּאשניקעס...

פאַרשטייט זיך, אַז די סוביעקטיווע און די אָביעקטיווע זייט פון דער רעליגיע זיינען צווישן זיך אפן איינגסטן אויפן פאַרבונדן. די רעליגיע דינט ווי א געצייג פון אונטערדריקונג דורך דער סיסטעם פון רעליגיעזע פאָרשטע-לונגען וועגן דער וועלט, דורכן רעליגיעזן געפיל, דורך די רעליגיעזע קלאַלים פון לעבנסאויפירונג.

די אויפגאַבע פונם אַנטירעליגיעזניק איז ניט בלויז באַלויכטן דידאַזיקע צוויי זייטן פון דער רעליגיע, נאָר אויך אויפדעקן זייער איינגסטן צונויפבונד...

דערפון דרינגט אַרויס, אַז מיר דאַרפן אין אונזער קאַמף מיט רעליגיע:

ערשטנס, אויפדעקן דעם קלאַסן-מעהוס פון רעליגיעזע גלויבן-שיטעס, דעם קלאַסן-אונטערשלאַק פון רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס (קירכע, שול, סעק-טעס); אויפדעקן די ראָלע פון רעליגיע אַלס דינערן באַם קאַפּיטאַל אין מאַירעוו-אייראָפּע, אַמעריקע און אויפן מיזרעך.

צווייטנס, אויפדעקן דעם אַנטיוויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון רעליגיע, וועלכע דינט ווי א זיכערער מיטל אין די הענט פון דער בורזשואַזיע אַף צו פאַרטונקעלן מיט אידעאַליסטישע אויסטראַכטונגען דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין פון די אַרבעטנדיקע, אַף צו פאַרקריפּלען זייערע פאָרשטעלונגען וועגן די געזעצן פון דער נאַטור און פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט...

דריטנס, דאַרף דער קאַמף מיט רעליגיע געפירט ווערן אין דער ריכטונג פון אויפדעקן דעם עמעסן כאַראַקער פון רעליגיעזער מאָראַל, וועלכע ווערט אַף א באַזונדער אויפן אַנגעצווינגען די אַרבעטנדיקע דורך די הערשנדיקע קלאַסן.

פערטנס, דאַרף מען אָנווייזן אפן שעדלעכן און רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער רעליגיעזער עמאָציע פונם שטאַנדפּונקט פון די קלאַסן-אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע.

מ׳דאַרף אָנווייזן דערויף, אַז די ספּעציפישע רעליגיעזע דאָגמאַטיק, וועלכע פּענטעט דעם מענטשלעכן געדאַנק און וויל אָנשטאָט א קריטישער באַציאונג צו דערווירקלעכקייט אַרויסרופן באַם מענטשן פּאַכאַד, האַכנאָע און אונטערטע-ניקייט — איז א פּראָדוקט פון די פאַרשקלאַפונג-באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳לעבן די אַרבעטנדיקע אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט...

פּראַקטישע אויפגאַבן.

אפן געביט פון פּראַקטישע אויפגאַבן דאַרפן מיר אין אונזער אַרבעט אין דער ערשטער ריי אויסטיילן דריי אויפגאַבן, וועלכע האָבן א קאָלאָסאַלן באַ-טייט באַ היינטיקן מאָמענט.

די ערשטע אויפגאַבע איז צו צוגעבן א מ אַ ס ן - כ אַ ר אַ ק ט ע ר אונזער גאַנצער אַרבעט. ניט בלויז אידייאיש, מיר דאַרפן אויך אָרגאַניזאַציאָנעל אַרומכאַפּן די ברייטסטע שיכטן פון די האָרעפּאַשניקעס, אָנגעהויבן פון די פאָרגעשריטענע עלעמענטן און פאַרענדיקט מיט די סאַמע אָפּגעשטאַנענע

אונטערשטע שיכטן פונם אַרבעטער-קלאַס. די קאָלאָסאַלע — לויט איר פּאַרנעם און לויט איר פּרינציפּיעלער באַדייטונג — אופגאַבע, אַז די ברייטסטע פּראָלע-טאַרישע און פּויערשע שיכטן זאָלן ווערן דורכגעדרונגען מיט דער אַנטירע-ליגיעזער וועלטאַנשויאונג — קאָן ניט דורכגעפירט ווערן, געוויינלעך, מיט די קויכעס בלויז פון דער פּאַרטיי. דערפון איז קלאָר, אַז ס'איז נייטיק צו באַ-שאַפן אַרום דער פּאַרטיי אַ ברייטן אומפּאַרטייאישן אַקטיוו פון אַפּיקאָרסים (בעזבאָזשניקעס), וועלכער זאָל אָפּ זיך קאָנען נעמען די גאַנצע אָרגאַניזאַ-ציאָנעלע אַרבעט אָפּן געביט פון פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון אַפּיקאָרסעס און וועלכער דאַרף אין דערווירקלעכקייט ווערן אַ מין אַפּאַראַט, דורך וועלכן די פּאַרטיי פּאַרשפּרייט איר איינפלוס אָפּן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, אָפּ די ברייטע שיכטן פונם האַרעפּאַשנעם פּויערטום און פון די קוסטאַרן.

די צווייטע אופגאַבע — די מאַסן-צוגרייטונג פון טוערס אָפּ די ערטער. צוליבן דאָזיקן צוועק איז נייטיק:

א) אָרגאַניזירן גובערניעלע און אויעזד-שולן פון אַ העכערן טיפּ (סעמינאַרן) פּאַר דער מאַסן-צוגרייטונג פון לעקטאָרן-אַגיטאַטאָרן.

ב) אָנמערקן, לויט דער מעגלעכקייט, אַן איינהייטלעכן ציקל פון אַגיטאַ-ציאָנעלע אַרויסטרעטונגען.

ג) באַשאַפן די ברייטסטע נעץ פון קרייזלעך פון אַ נידעריקן טיפּ, וועלכע זאָלן קאָנען — צוזאַמען מיט אונזערע קעמערלעך — פּאַרשפּרייטן די אידייען פונם וויסנשאַפטלעכן מאַרקסיזם אין די סאַמע טיפענישן פון דער אַרבעטער-מאַסע.

ד) די אופגאַבע פון טאָג, וועלכע לייזט די גאַנצע פּראַגע וועגן אונזער אַרבעט — איז די צוגרייטונג און אינסטרוקטירונג פון דער מאַסע קרייזל-פירער, וועלכע פירן די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אין אָנפאַנג-קרייזלעך.

די דריטע אופגאַבע איז — שאַפן די נייטיקע ליטעראַטור פון אַ נייעם טיפּ. דערפון הייבט אָפּ דער גאַנצער פּאַרנעם פון אונזער אַרבעט אין דער פּעריפּעריע... די הויפּט-פּראַגע באַשטייט דערין, וואָס מ'דאַרף געבן דעם ווייניק דערפאַרענעם, ווייניק קוואַליפיצירטן מאַסן-פּראָפּאַגאַנדיסט אַזעלכע הילף-מאַכשירים און לערנביכלעך, וועלכע זאָלן אים אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פּאַרלייכטערן זיין אַרבעט אין קרייז. מ'דאַרף באַשאַפן אַזאַ לערנביכל, וואָס זאָל אין אַ באַדייטנדיקער מאָס קאָ-נען פּאַרבייטן אַ לעבעדיקן לעקטאָר. די פּאַרטיי דאַרף אַנווענדן אַלע קויכעס אָפּ צו דערלייזן די דאָזיקע אופגאַבע, פון וועלכער ס'הייבט ווירקלעך אָפּ דער מאַסן-כאַראַקטער פון אונזער אַרבעט.

אַ באַזונדער אופמערקזאַמקייט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער אַרבעט אין די קלובן. מ'דאַרף דאָרט אופלעבן די „ווינקלען פונם אַפּיקוירעס". צוליב דעם צוועק דאַרפן דינען די אַנטשפּרעכיקע בילדער, פּלאַקאַטן, אויסשניטן פון צייטונגען, לאָזונגען א. א. וו.

מ'דאַרף רעגולער אָרגאַניזירן אָוונטן און פּאַרזאַמלונגען מיט דיסקוסיעס און פּאָרטראַגן וועגן אַלע פּראַגן פונם נייעם לעבנשטייגער.

מ׳דארף זאָרגן, אז ס׳זאָל צונויפגעשטעלט ווערן א גוטער אנטירעליגיעזער רעפּערטואר פון קאָלערליי טעאטראל-סצענישע פאָרשטעלונגען.

א באזונדער אופמערקזאַמקייט דארף זיין געווענדעט אף דער צוגרייטונג פון קינאָ-לענטעס און פון דיאפּאָזיטיוון מיטן געהעריקן אנטירעליגיעזן אינהאלט.

אנערקענען, אז דער „פּארבאנד פון אפּיקארסים" דארף אלס איינע פון זיינע ערשטע אופגאבן אין דער פּראקטישער ארבעט רעכענען די אָרגאַניזירונג פון וואָכנ-צייטונגען, ווי אויך די אויסנוצונג פון געוויינלעכע צייטונגען פאר אנטירעליגיעזע צילן.

ארגאניזירן א מוזיי און א אויסשטעלונג פאר אנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע. זאָרגן וועגן צוקלייבן דעם פּאסיקן מאטעריאל.

יעמ. יאַראָסלאווסקי

מיטלען פון אנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע

(פון אַ רעדע, געהאלטן אפן 1-טן צוזאמענפאָר פון די קאָרעספּאָנדענטן פון „בעזבאָזשניק", דעם 20-טן אפּריל 1925 יאָר).

...מיר וואָלטן ניט געווען קיין מאַרקסיסטן, מיר וואָלטן ניט געקאָנט זיין קיין אָנהייגער פון מאַרקס מאַטעריאַליסטישער לערע, וואָס כ. לענין האָט ווייטער אנטוויקלט, אויב מיר וואָלטן אונזער גאַנצע אַרבעט פון דער אנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע געשטעלט אויסער צייט און אָרט.

...ביז דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע איז פאַר אונז געשטאַנען די דירעקטע, גלייכע, ערשטע און נאָענטסטע אופגאַבע — צעשטערן די פעאָדאַל-מאָנארכישטישע לייב-אייגנטימערישע אָרדענונג. קעגן דערדאָזיקער אָרדענונג האָבן מיר געדאַרפט צונויפזאַמלען אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען, עפשער, ניט געווען אייניק אין דער שטעלונג פון די ענדצילן פונם קאַמף, אָבער זיי האָבן געהאט אַלגעמיינע פּאָליטישע אופגאַבן — די אופגאַבן פון קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, עקאָנאָמיש איבערבויען די האלב-פעאָדאַלע מעלוכע. ס׳וואָלט געווען ניט ריכטיק פון אונזער זייט, ווען מיר וואָלטן אין יענער צייט אָפּגעצויגן די אופמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער- און פּויערים-מאַסן פון דידאָזיקע אופגאבן צו די אופגאבן פון קאַמף מיט די גייסטלעכע, מיט דער רעליגיע. מיר האָבן טאַקע ניט אַרויסגעשטעלט אַזאַ ליניע.

דאָך האָט לענין נאָך אין 1905 יאָר געשטעלט די פראגע וועגן סאָציאַליזם און רעליגיע און האָט געזאָגט, אַז מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון אנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. אין אן אַרטיקל אין „נאָוואיא זשיזן" פון 3-טן דעקאַבער 1905 יאָר שרייבט לענין אָט-וואָס: „אונזער פּראָפּאַגאַנדע איז

אינגאַנצן געבויט אף א וויסנשאַפטלעכער און דערצו נאָך דאַפקע מאַטעריאַליסטישער וועלטאנשויאונג. די דערקלערונג פון אונזער פראָגראַם שליסט איין אין זיך די דערקלערונג פון די עמעסע היסטאָרישע און עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם רעליגיעזן נעפל. אונזער פראָגראַם שליסט אומבאַדינגט איין די פראָגראַם פון אַטעאיזם. ארויסגעבן די געהעריקע ליטעראַטור, וואָס די זעלבסטהערשיש-פעאָדאלע מאַכט האָט שטריינג פאַרבאָטן און פאַרפאָלגט, דאַרף זיין איינער פון די צווייגן פון אונזער פאַרטייאישער אַרבעט". און נאָך זאָגט כ. לענין: „ס'וואָלט געווען א שטוסעריי צו מיינען, אַז אין א געזעלשאַפט, וועלכע האלט זיך אף אומענדלעכער אונטערדריקונג און פאַרגרעבטקייט פון די אַרבעטער-מאַסן, זאָל מען קאָנען אף א פראָפאַגאַנדיסטישן אויפן צעשטרייען די רעליגיעזע פאַרורטיילן... ס'וואָלט געווען א בורזשואַזע באַגרענעצטקייט צו פאַרגעסן, אַז דער יאָך פון דער רעליגיע אף דער מענטשהייט איז א פראָדוקט און אן אָפשפיגלונג פונם עקאָנאָמישן יאָך אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט... קיינע ביכלעך און קיינע דראָשעס קאָנען ניט אופקלערן דעם פראָלעטאַריאַט, אויב ס'וועט אים ניט אופקלערן זיין אייגענער קאַמף קעגן די פינצטערע קויכעס פונם קאַפיטאַליזם".

... פאַר דער אָקטיאַבר-רעוואָליוציע זיינען אין אונזער פראָגראַם געווען נאָר די פאָדערונגען אָפצושאַפן יעדע טיילונג לויטן רעליגיעזן סימען און אָפצוטיילן די מעלוכע און די שול פון דער קירך.

...און אָט איז געקומען אָקטיאַבר, ווען מיר האָבן געדאַרפט אליין דורכפירן דידאָזיקע פראָגראַם: ניט עמעצער אן אַנדערער, ניט אן אנדער קלאַס, צו וועלכן מיר האָבן ארויסגעשטעלט די פאָדערונג אָפצוטיילן די קירך פון דער מעלוכע, נאָר מיר אַליין האָבן געדאַרפט דורכפירן דידאָזיקע אָפטיילונג.

וויאַזוי האָבן מיר זי דורכגעפירט? פאַרשטייט זיך, אז אָקטיאַבר האָט ניט געוואוסט פון ווייכע טריט און האָט געשלאָגן דעם סוינע זייער שאַרף אין דער קירכלעכער אָרגאַניזאַציע האָט אָקטיאַבר באַגעגנט פונקט אזא סוינע, ווי אין די קאַפיטאַליסטן און פריצים.

...אונזערע ערשטע אנטירעליגיעזע אַרויסטרעטונגען האָבן געטראָגן זייער א שאַרפן כאַראַקטער, באַזונדערס די ערשטע קאָמסאָמאָלישע ריזלעך (ווייַנאַכטן) און דער ערשטער קאָמסאָמאָלישער פייסאַך.

...איין צוגאנג איז געווען אַזאַ: דערדאָזיקער קאַמף אונזערער איז דער לעצטער אנטשיידענער קלאַפ. דאָס איז אָבער ניט דער לעצטער און אנטשיידענער קלאַפ איבער דער רעליגיע. אונז וועט נאָך אויסקומען לאַנג און פאַרביסן צו קעמפן מיט דער רעליגיע. מ'טאָר אָבער ניט מיינען — ווי אַנדערע טוען דאָס, — אַז די פראַגן פון רעליגיע זיינען די וויכטיקסטע. זיי זיינען פון דער צווייטער און אַפילע פון דער דריטער מאַדרייגע אין אונזער גאַנצן קאַמף.

די צווייטע ליניע איז: די אַרבעט וועט זיין א לאַנגדויערנדיקע, אף יאָרן און יאָרצענדליקער.

...מע דאַרף אויסאַרבעטן א ריכטיקן צוגאַנג צו יעדער גרופּע פון דער באַפעלקערונג באַזונדער, און אין דעם זין זיינען געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען פון דער פּאַרטיי, אַז מ'דאַרף זיין אָפּגעהיט אינם צוגאַנג צו די פראַגן פון רעליגיע.

די ערשטע אופגאַבע, וועלכע מיר דאַרפן שטעלן פאַר זיך, איז:

צוגרייטן אַן ערנסטן קאַדער לעקטאָרן — פּראָפּאַגאַנדיסטן.

דערלערנען די פראַגן פון רעליגיע — דאָס דאַרף זיין די ערשטע אופגאַבע פון יעדער אַנטירעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. ניט דערלערנענדיק די געשיכטע פון רעליגיע, קאָן מען ערנסט ניט אויסשטעלן די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע; ווייל ווען מיר ווילן ערנסט דערקלערן דעם אָדער יענעם מינהג, דעם אָדער יענעם רעליגיעזן יאָנטעוו, דעם אָדער יענעם רעליגיעזן קולט — שטויסן מיר זיך אָן אף דער נייטיקייט צו באַלייכטן זיי היסטאָריש.

מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע שליסט איין אין זיך די פּראָפּאַגאַנדע פון אונזער אַלגעמיינעם מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעם. מיר דאַרפן קאָנען דערקלערן די רעליגיעזע גלויבונגען, אלס איינע פון די אַרויסווייזונגען פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף, אלס איינע פון די אַרויסווייזונגען פונם קלאַסנקאַמף. דעריבער מוז יעדער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט קודעמקאָל זיין א גוטער מאַרקסיסט. ער דאַרף אויך האָבן נאַטורוויסנשאַפטלעכע און נאַטור-היסטאָרישע ידיעס.

מע מוז וויסן אַלע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, וואָס עקזיסטירן אין געגעבענעם אָרט.

איינע פון די אופגאַבן פון די אַנטירעליגיעזע קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס איז — דערלערנען די סוויווע פון דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, ד. ה. וואָס פאַר אַ סוויווע, וועלכע אַנטירעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס עס עקזיסטירן אין געגעבענעם אָרט, וואָס פאַר אַן אַרבעט איז שוין דאָרטן דורכגעפירט, וויאַזוי רעאַגירט די באַפעלקערונג, וואָסערע טאָעסן זיינען געמאַכט געוואָרן, וואָס דאַרף מען פאַריכטן, אָדער, פאַרקערט, ס'זיינען פאַראַן געלונגענע עקספּערימענטן.

פּראָגראַמעס.

די מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע, די מעטאָדאָלאָגיע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זיין איינע און די זעלבע פאַר אַלע קלאַסן, פאַר אַלע שיכטן. מ'דאַרף נעמען אין אכט די אָרטיקע באַדינגונגען, רעכענען זיך מיט די אָרטיקע קויכעס. דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך, אָבער מ'מוז דאָס טון בעהעסקעם מיט דער אָרטיקער לאַגע.

מ'דאַרף וויסן די געזעצגעבונג וועגן קירך און קולט.

דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדיסט דאַרף וויסן דעם בוי פון דער שול און קירך און די געזעצגעבונג וועגן זיי. אַניט — קאָן ער מאַכן אסאך טאָעסן.

טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען.

דעריקער אין די קלובן, ווען מ'זאָל צונויפקלייבן בופּאָנאַדעס און לידער אף אנטירעליגיעזע טעמעס, וואָלטן מיר געהאט א גרויסן מאַטעריאַל, וואָס מ'קען אים באַווייזן אין קלוב.

לעקציעס.

לעקציעס אפילע פון וועלטקענטעניש דארף מען שטעלן מיט אן אנטי-רעליגיעזן אָפּנויג, אניט קאָן דאָס האָבן גאָר א פארקערטע ווירקונג.

וואנט־צייטונגען.

וואנט-צייטונגען קאָנען זיין א טייערער מיטל פון אנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

V־טער אָנטייל

פראגראם פון א סיסטעמאטישן קורס איבער אנטירעליגיעזער פראפאגאנדע

נאטור-וויסנשאפט.

I. די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער וועלט.

(איין לעקציע—2 שאָ)

פּראָגראַם.

די עלטסטע וויסנשאַפט—אַסטראָנאָמיע. פּטאָלאָמייס לערע וועגן דער גאָר-וועלט, קאָפּערניקס לערע. די זון-סיסטעם. די אַנטשטייאונג פון דער זון-סיסטעם לויט קאַנט-לאפּלאַס. ארעניוסעס טעאָריע וועגן צוזאמענשטויס פון וועלטן. דאָס לעבן פון די שטערן.

אַקורצער אינהאַלט פון דער לעקציע.

די שטרעבונג פון דער מענטשהייט צו קריגן אַן ענטפער אַף דער פראגע וועגן דער אנטשטייאונג פון דער וועלט. די אידישע לעגענדע, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין 6 טעג (מאַיסע-בעריישיס). דער עגיפּטישער גאָט שו טיילט אָפּ דעם הימל פון דער ערד. דער גאָט כנום באַשאַפט דעם מענטשן פון ליים. פּטאָלאָמייס לערע—די ערד איז דער צענטר פון דער גאָרוועלט; די קריסטלעכע קנייסיע פאַרטיידיקט פּטאלאמייס לערע. די „הייליקע" אינקוויזיציע ברייננט אום אַפן פייער אַלע אַפּיקאָרסים, וואָס זאָגן, אַז די ערד דרייט זיך. דזשאָרדאַנאָ ברונאָ ווערט פאַרברענט (אין 1600 יאָר). די אינקוויזיציע צווינגט גאַלילייען אָפּזאָגן זיך פון זיינע וויסנשאַפטלעכע אַנשויאונגען. קאָפּערניקס אַנשויאונגען אַף דער זון און אַף די פּלאַנעטן, וואָס דרייען זיך ארום איר. דער טעלעסקאָפּ. די באַגלייטער פון די פּלאַנעטן. דאָס געבוי פון דער זון-סיסטעם. די גרייס פון דער זון און פון די פּלאַנעטן. דער רינג פון סאַטורן. די עקספּערימענטן פון פּלאַטאָ. די טעאָריע פון קאַנט-לאַפּלאַס וועגן דער אנטשטייאונג פון דער זון, פון די פּלאַנעטן און פון דער ערד.

די טעאָריע פון אָרעניוסן וועגן צוזאַמענשטויס פון די וועלטן. די אַנטשטייאונג פון נייע שטערן באַם צוזאמענשטויס. ספּיראַלע נעפּלקייטן. די אויסבילדונג פון א נייער וועלט, איר אָפּקילונג. אייביקער געבורט פון וועלטן. דאָס געזעץ פון אופהאַלטונג פון ענערגיע און מאַטעריע. צוציאונג-קראַפט. קאָמעטן. די דערקלערונג פון ליקע-כאמע און ליקע-לעוואָנע.

ליטעראטור:

1) מ. גאָראָכאָוו. „רויטע וועלט"....

1) Крокос. В. И. Мироведение. Руководство для совпартшкол и рабфаков Ч. I. Небо. Гизукр. 1925 г. 196 стр.

2) Сухов, А. А. Религия в свете современного знания. Гизукр. 1923 г. стр. 93—112.

דיאפּאָזיטיוון

אַנטשטייאונג פון דער וועלט (אויסגאבע פון הויפּט-פּאָליטאויפקלער פון ר. ס. פ. ר. ר.). 30 בילדער.

---

2. די אנטשטייאונג פון געוויקסן, באלעבאַים און פון מענטשן.

(1 לעקציע—2 שאָ).

פּראָגראַם

די אַנטוויקלונג פון דער ערד און פון די לעבעדיקע ברואים. דאָס אינערלעכע געבוי פון דער ערד. אָפּלעגערונגען און אָפּזאַץ-מינים. די אַנטשטייאונג פון לעבן. די אנטשטייאונג פונם מענטשן. עוואָלוציע. דער קאַמף פאַרן קיעם. נאַטירלעכער אָפּקלייב. די צוגעפּאסטע בלייבן לעבן.

אַ קורצער אינהאַלט פון דער לעקציע.

דער עלטער פון ערד—מיליאַרדן יאָרן. די אויסטראַכטעניש פונם מענטשן וועגן שיישעס יעמיי בעריישיס. די ערד שטאמט פון דער זון, אַלס טייל פונם גאַנצן, טכילעס אין דער פאָרם פון א רינג, נאָכדעם, ווי א קיילעך. די ערד קילט זיך ביסלעכווייס אָפּ און ווערט באדעקט מיט א הארטער קאָרע. דער אופקום פון בערג און טאָלן (וועלכע האָבן זיך פארוואַנדלט אין יאמען און אָקעאַנען). די אויסבילדונג פון די פרעמיאַרע בארג-מינים. דער גרויסער אויסברוך פונם ווּעזוף דעם 25 יוני פון 1767 יאָר. סעקונדאַרע בארג-מינים אָדער אָפּזאַץ-מינים, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט אונטער דער ווירקונג פון וואַסער.

קרייד-בערג. די רעשטלעך פון געוויקסן און באלעבאַים אין דער פאָרם פון פאַרשטיינערונגען אין די אָפּזאַץ-געשטיינען. געוויקסן און באלעבאַים קומען אויף דורך אַ דויערנדיקער אַנטוויקלונג (עוואָלוציע) פון איינפאַכע ברואים צו מער קאָמפּליצירטע אין מעשעך פון מיליאָנען יאָרן. דאָס געבוי פון די אַטאָמען. דער אופקום און אַנטוויקלונג פון לעבן אין וואַסער. די אמעבא. פאַרמערונג דורך טיילונג. פיל-צעליקע. געדערים-כאלעלדיקע ווערים. אנשעדרעדיקע. יאַם-שטערן. קרעפּס-אַרטיקע מאָלוסקען. איינפאַכערע

פישן. דער אופקום פון די ערשטע געוויקסן און פיש. שטיינקוילן-עפּאָכע. בוימאַרטיקע פּאַפּאָרטן. אמפיביעס. אומגעהייערע אינסעקטן. פּערמער עפּאָכע: נאָדלביימער, רעפּטיליעס. טריאַסער עפּאָכע: ריזיקע שאַכטל-גראָזן, נאָדלביימער, יאַם-עקדעשן, אוראַלטע זויג-כאַיעס, בייטלדיקער שטשור, האַלב-עקדעש, האַלב-פייגל. יורא-עפּאָכע: נאַדלביימער און פּאַלמען, פליענדיקע עקדעשן, די ערשטע ביינערדיקע פיש, די ערשטע פייגל. קרייד-עפּאָכע: בליט-געוויקסן, בלעטערדיקע ביימער, פירפיסיקע באַלעכאַים. בייטלדיקע כאַיעס (קענגורו), שלאַנגען. פליישעסנדיקע כאַיעס. רויב-כאַיעס. אויסבילדונג פון קרייד-שיכטן אין יאַם. טערציאַרע עפּאָכע פון דער נייער צייט. זויג-באַלעכאַים, וואָס טראָגן זייערע קינדער אין זייער בויך, אומגעהייערע העלפאַנטן (מאַסטאָדאָנטן), דער אַלגעמיינער אורפאַטער פונם מענטשן און פון די מאַלפּעס. וואַסער-זויג-באַלעכאַים (וואַלפיש). די קוואַרטיאַרע עפּאָכע: מאַמוט, נאָזהאָרן, הייל-בער, מאַלפּע-מענטש פונע אינזל יאַוואַ, די איבערגאַנג-שטופע, **די צווישן-פאָרם פונם מענטשנס אומבאַקאַנטן אורפאַטער צום מענטשן**. מענטשנאַרטיקע מאַלפּעס: גאָרילאָ און שימפּאַנזע אין אַפריקע, אראַנג-אוטאַנג און גיבאָן—אין אַזיע. די ענלעכקייט פונם מענטשנס **בלוט** צום בלוט פון די מענטש-אַרטיקע מאַלפּעס.

396 קערפּער-טיילן זיינען אלציינס באַם מענטשן און באַ די מאַלפּעס. הייל-מענטש. דער היינטיקער מענטש. די וויסנשאַפט וועגן אויסגעשטאָרבענע בּרואים (פּאַלעאָנטאָלאָגיע). דאָס לעבן פון די ווילדע באַלעכאַים היינגט אָפּ פון דער נאַטור. קאַמף פאַרן קיעם—דער יעסאָד פונם לעבן באַ אַלע באַלעכאַים. נאַטירלעכער אָפּקלייב. די ענדערונג פון פאָרמען, פאַרוואַנדלונג פון פאָרמען: רויפּע—מאָטעליקל. אויסגעשטאָרבענע: מאַמוט, יאַם-קו, זוברעס. דער קאַמף פונם פאַציוק מיט אייראָפּעאישן שטשור. דער קאַמף פאַרן קיעם צווישן די ביימער.

די אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן אויבערל. די אויבערלעך פונם מענטשן, פון דער מאַלפּע און אפילע פון דער קאַץ זיינען צו דריי—פיר וואָכן זייער ענלעך צווישן זיך. די אומנאָרמאַלקייטן פונם מענטשן: האָריקייט, אַן עקל באַם מענטשן א. א. וו.

פאַרמערונג. סכעמע פון באַפרוכפּערונג. יערושעשאַפט. די סיבעס פון עוואָלוציע.

דיאַפּאָזיטיוון.

די אַנטשטייאונג פון לעבן אַף דער ערד—24 בילדער. די אַנטשטייאונג פונם מענטשן—24 בילדער.

ליטעראַטור:

Коршиков А. А. Развитие в живой и мертвой природе. изд. „Пролетарии". Харьк. 1924 г.

זשוקאָוו. אָפּשטאַמונג פונם מענטשן. „שול און בוך", 1925.

די אנטוויקלונג פון רעליגיע.

רעליגיע איז אַ גלויבן אין א איבערנאַטירלעכער קראַפט, וועלכע מישט זיך אַריין אין די פּאַסירונגען פון דער וועלט. רעליגיע איז אַ גלויבן אין אַ גאָט, וועלכער איז כוח לעדערעך האַטעווע. די רעליגיע פאַרענטפערט דעם ווילדן אומבאַוואוסטזיניקן מענטשן די דערשיינונגען פון דער נאַטור, וועלכע ער קאָן ניט דערקלערן מיטן סייכל און פון וועלכע ער הייגנט אָפּ אין זיין טאָג-טעג-לעכן לעבן. פלעכאַנאָוו דעפינירט די רעליגיע אַלס מער אָדער ווייניקער אויס-געהאַלטענע סיסטעם פון אידייען, שטימונגען און טואונגען. די אידייען — דאָס איז די מיטאָלאָגיע, די שטימונגען — דאָס זיינען די רעליגיעזע געפילן, די טואונ-גען — דאָס איז דער קולט.

אנימיזם.

דער ווילדער מענטש שטייט אומבאַהאָלפן קעגן דער נאַטור. עס רינגלען אים אַרום געפאַרן אַף יעדן טריט און שריט. אָט זעט ער זיינעם אַ קאָרעווו, אַ נאָענטן פאַרכאַפּט פון די נאַטור-סטיכיען (וואַסער, שטורעמווינט) און מער זעט ער אים ניט. דאָס אַלץ מאַכט אף אים אַ שטארקן איינדרוק און זיין ווייניק-דערפאַרענער מויעך זוכט צו געבן אַן ענטפער אַף דעם, און ער קומט צום פרימיטיוון באַשלוס, אַז אַרום אים געפינען זיך אָן אַ שיער אומזיכטבאַרע גייסטער, וועלכע ברייִנגען אים בייז אָדער גוטס.

טכילעס האָט זיך באַם מענטשן אויסגעאַרבעט אַ באַגריף וועגן נעשאָמע (אנימא — אַף לאַטיין, דערפון—דאָס וואָרט אנימיזם), וועלכע באַלעבט דעם גוף. דער מענטש ווערט אַנטשלאָפן — איז די נעשאָמע פון אים אַוועק. דערי-בער באַוועגט ער זיך ניט. אַז די נעשאָמע קאָן אַוועקגיין—דרינגט אויס דער מענטש פון זיינע כאַלוימעס, ווען ער שלאָפט אין איין אָרט און שפּאַצירט זיך אום גאָר אין אַנדערע ערטער. דערפון נעמט דער מענטש דעם גערדאַנק וועגן דעם, אַז אַלע זאכן און דערשיינונגען פון דער נאַטור האָבן אַ נעשאָמע. דער ווילדער מענטש שטעלט ניט די נעשאָמע קעגן דעם קערפּער. די נעשאָמע בלייבט לייִנגער לעבן פונם קערפער. די פּאָרשטעלונג וועגן דער וועלט פון נעשאָמעס.

די קוואורע-מינהאָגים.

קוואורע אין היילן. מע וואַרפט אַראָפּ די באַרמענעס אין פעלז-שפּאַלטן און אָפּגרונטן. מע הייגנט זיי אוף אַףביימער. קוואורע אַף באַרג-שפּיצן. מע פאַרברענט די טויטע, קוואורע אין דער ערד א. א. יענע וועלט פון גייסטער. פאָרשטעלונג וועגן געהענעם, גאַניידן.

די נעשאָמעס פון די עלטערן.

די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פונם אוראַלטן מענטשן. די אַנטשטיי-אונג פון דער פאַמיליע און די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, דער עלטסטער און זיין ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם שייוועט. דער קאָוועד, וואָס מע גיט אָפּ דעם עלטסטן, אַלס אָרגאַניזאַטאָר. מע גיט אָפּ קאָוועד די עלטסטע אַפילע נאָכן טויט. דער גייסט פון די אורפּאָטערס ווערט אַ היטער פון דעם שייוועט. די קויהאַנים סטאַרען זיך צו פאַרמערן דעם קאָוועד פון די געשטאָרבענע עלטערן, — ווייל אַזוי אַרום טראָגט מען מאַטאָנעס צום אורפּאָ-טער. די קויהאַנים היטן אָפּ די דערפאַרונג פון היילן דאָס פאָלק. דער גייסט פונם אורפּאָטער — היילט פון קריינק.

טאָטעמיזם.

מע דינט באַלעכאים און געוויקסן. יעדער שייוועט — רופט זיך אָן נאָך עפּעס אַ כאַיע (גור אריה יהודה, יששכר חמור גרם, נפתלי אילה שלוחה, דן שפיפן עלי אורח א. א. וו.). דאָס איז געווען דער סימען פון יעדער גרופּע, וואָס איז גע-ווען פאַרבונדן מיטן אָרט, וואו דידאָזיקע כאַיעס האָבן זיך געפונען. שפּעטער ווערט פאַרגעסן דידאָזיקע פאַרבינדונג. מע הייבט אָן דינען דעם טאָטעם — צו אַ כאַיע אָדער געוויקס. דער טאָטעם-באַלכאַי ווערט געבראַויכט פאַר דער אַכילע. דער פאַרבאָט צו עסן דעם טאָטעם-באַלכאַי אין אַ געוויסער צייט פון יאָר, ווען דער באַלכאַי פאַרמערט זיך. דאָס דינען דעם טאָטעם פאַרבינדט מען מיטן דינען דעם גייסט פון די אורפּאָטערס. די אַוואָידע צום טאָטעם ווערט באַגלייט ניט באַשטימטע ריטואַלן, די יאָנטויוים, ווען מע נעמט אַראָפּ דעם פאַרבאָט. קאָרבאָנעס. דער טאָטעם-גייסט ווערט פאַרוואַנדלט אין פאָטער פון דער גרופּע און איר פירער.

שייוועט-געטער און נאַציאָנאַלע געטער.

די אַנטשטייאונג פונם שייוועט. עס ווערט אויסגעטיילט איין מישפּאָכע, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פונם שייוועט. די שייוועט-געטער זיינען די געטער פון דער מישפּאָכע-אָרגאַניזאַטאָרן. די איבעריקע געטער שטאַרבן ניט, זיי ווערן אונטערגעוואָרפן צום שייוועט-גאָט.

די פאַרייניקונג פון די שוואָטים. די אַנטשטייאונג פון דער מעלוכע. די קלאַסן-טיילונג פון דער געזעלשאַפט. די קלאַסן-טיילונג באַ די געטער. דער גרעסטער גאָט — דער גאָט פונם הערשנדיקן שייוועט. איבערגאַנג פון פּאָלי-טעאיזם צו מאָנאָטעאיזם. אין די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס בלייבן נאָך רעשטן פון פּילגעטעריי. דער הויפּט-גאָט איז כוץ לעדערעך האַטעווע. יאַהווע איז די אידנס שייוועט-גאָט. די בעאָלים זיינען געבליבן אַפילע דאַן, ווען יאַהווע איז שוין געווען דער הויפּט-גאָט.

ליטעראַטור:

ליפערט: קולטור-געשיכטע (פאַראַן אין אידיש, אמעריקאנער אויסגאַבע).

Тейлор: Первобытная культура.

Эйдельман: Первобытный коммунизм и первобытная религия, 1923 Атеист.

Никольский Б.: Очерк первобытной культуры.

ניקאָלסקי ב.: פון שטיין צו מעטאַל.

קונאָוו: די אַנטשטייאונג פון רעליגיע.

מארקסיזם און לעניניזם.

קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס וועגן רעליגיע. פרייהייט פון געוויסן און וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע.

(איין לעקציע — 2 שאָ)

פראָגראַם

די רעליגיעזע וועלט, אַלס אָפּשפיגלונג פון דערווירקלעכער וועלט. דער עצעם פון רעליגיע. רעליגיע אַלס אָפּיום פאַרן פאָלק. ענדערונגען אין די רעליגיעס. די נייטיקייט פון רעליגיע פאר דער בורזשואַזיע. רעליגיע, אַלס אונטערדריקונג-געצייג. גאָט, אַלס אויסערלעכע הערשאַפט פון דער קאַפּיטאליסטישער פראָדוקציע. ס'איז אומעגלעך צו פאַרווערן רעליגיע דורך אַ דעקרעט. מ'דאַרף פירן אַ מאַטעריאַליסטישע אַנטירעליגיעזע פראָפּאַגאַנדע. נאַטירלעכער טויט פון רעליגיע. פרייהייט פון געוויסן הייסט ניט זיך באַפרייען פון געוויסן. מאָראַל הייננט ניט אָפּ פון רעליגיע. דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע. באַטייט פון קלאַסנקאמף.

ליטעראַטור:

אויסצוגן פון „קאַפּיטאל", „אַנטידיורינג", „וועגן פייערבאכן" און אַנדערע ווערק פון מאַרקס און ענגעלס.

לעניניזם און רעליגיע.

(איין לעקציע — 2 שאָ)

פראָגראַם

פראָגראַם פון ר. ס. ד. א. פ., אָנגענומען אין 1903 יאָר אַפן II-טן צוזאַמענפאָר, דער פונקט וועגן רעליגיע. ווי די באָלשעוויקעס און כ׳ לענין האָבן אויסגעטייטשט דעם פונקט וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע, כּילוקיי-

דייעס צווישן לענינען מיט די מענשעוויקעס אין דערדאָזיקער פראַגע. רעליגיע איז אַ פריוואַט-זאַך בענויגייע צו דער מעלוכע. זי קאָן און טאָר אָבער בע-שומויפּן ניט זיין קיין פּריוואַט-זאַך בענויגייע צו דער פּאַרטיי. די אָבליגאַ-טאָרישקייט פאַר די מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי (פון 1919 יאָר — קאָמוניסטישער פּאַרטיי) צו פירן אַ אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע.

קאָנספּעקט:

די נייטיקייט אויסצולערנען, ווי לענין האָט געקוקט אַף רעליגיע. מאַרק-סיזם און לעניניזם. רעליגיע איז א מין גייסטיקער בראָנפן. רעליגיע אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע, אלס איינע פון די פּאָרמען פון גייסטיקן דרוק.

רעליגיע איז נייטיק דער בורזשואַזי׳ע אַלס געצייג פון אונטערדריקונג.

פאַרבינדונג פון רעליגיע מיטן קאַפּיטאַל. ווי די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער באַפרייען זיך פון רעליגיעזע פאַרורטיילן. די קאָמוניסטישע וועלטאַנשויאונג איז געבויט אַפן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם (מאַרקסיזם).

קלאַסנקאַמף און ווי באַזייטיקט מען די געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען פון דער רעליגיע אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען פון רעליגיע. די מוירע פאַר דער בלינדער קראַפט פון קאַפּיטאַל. דער מאַרקסיסט-מאַטעריאַליסט-אַטעאיסט שטעלט אוועק דעם קאַמף מיט דער רעליגיע אַפן באָדן פון קלאַסנקאַמף.

דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, אלס יעסאָד פון מאַרקסיזם, מוז אומ-באַדינגט זיין אַטעאיסטיש, פיינטלעך יעטווידער רעליגיע.

קעדיי צו קעמפן מיט רעליגיע, מוז מען מאַטעריאַליסטיש דערקלערן דער מאָקער פון גלויבן און רעליגיע בא די מאַסן.

לענין קעגן טאָלסטאָיען, קעגן טאָלסטאָי׳ס טוירע זיך ניט ווידערשטעלן קעגן שלעכטס מיט גוואַלד. קאָמוניסטישע מאָראַל.

די גרונט-שטריכן פונם דעקרעט וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע— זיינען אָנגעמערקט געוואָרן דורך לענינען אין זיין אַרטיקל וועגן פּראָגראַם פון באָלשעוויקעס אין דעקאַבער 1905 יאָר.

לענין און די אויסטייטשונג פון באָלשעוויסטישער פּראָגראַם אין 1903 י.

לענין און דער 13-טער אַרטיקל פון פּראָגראַם ר. ק. פּ. איבער דער פראַגע וועגן רעליגיע.

צי האָט מען געדאַרפט אַריינשטעלן אין פּראָגראַם, אַז די באָלשעוויקעס (קאָמוניסטן) זיינען אַטעאיסטן?

מיט וואָס אונטערשיידט זיך די פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס אין דער פראַגע וועגן רעליגיע פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער שטעלונג פון דער פראַגע.

צי האלט זיך די רעליגיע בא די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער באַפעל-קערונג בלויז אַף זייער אומוויסנהייט?

דער בורזשואזער קאַמף קעגן רעליגיע איז אַ קאַמף קעגן סאָציאַליזם. מיט וואָס אונטערשיידן זיך די קאָמוניסטן פון די אַנאַרכיסטן אין זייער קוק אַפן קאַמף מיט רעליגיע? צי איז דערלאָזבאַר צו פאַרבייטן די פאַנאַנדערטיילונג לויט פּאָליטישע גרופּירונגען אַף א פאַרטיילונג לויטן רעליגיעזן סימען?

אין וואָס איז זיך לענין פאַנאַנדערגעגאַן מיט די מענשעוויקעס אין דער פראַגע וועגן קאַמף מיט רעליגיע. לענין — קעגן יעטווידע פאַרקריפּלונגען פונם מאַרקסיזם אין דער זייט פון פּשאָרעמאַכעריי. רעליגיע קאָן ניט זיין פאַר אַן אַרבעטער־פּאַרטיי קיין פּריוואַט־זאַך. פאַרוואָס טאָר מען ניט פאַרבאָטן קיין רעליגיע?

צי קאָן מען אַריינעמען אין פּאַרטיי אַרבעטער, וועלכע גלויבן אין גאָט?

די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי גייט בעראָש פונם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף מיט אלע רעשטלעך פונם מיטלאַלטער, און אין דעם קלאַל אויך מיט די רעשטלעך פון רעליגיע.

דערקלערן די קלאַסן־ראָלע פון שול און פון די ראַבאָנים, וועלכע האָבן געשטיצט די שוואַרצמייעדיקע צאַרישע רעגירונג און די בורזשואַזיע אין זייער קאַמף מיטן ארבעטער־קלאַס.

קלאַסן און פּאַרטייען אין דער דריטער גאָסודאַרסטוועני דומע אין 1909 יאָר, און זייער באַציאונג צו רעליגיע: 1) שוואַרצע מייע. 2) אָקטיאַבריסטן. 3) קאַדעטן. 4) טרודאָוויקעס. 5) סאָציאַלדעמאָקראַטן.

די פויערשע מאַסן דאַרפן גיין נאָכן פּראָלעטאַריאַט.

ווי די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע איז בא אונז איבערגעוואַקסן אין א סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישע אויך אַפן געביט פון אָפּטיילן די קירך פון מעלוכע און די שול פון קירך.

פּאַריזשער קאָמונע און אונזער ראַטן־געזעצגעבונג וועגן אָפּטיילן די קירך פון מעלוכע און די שול פון קירך. דער פּאַרבאַנד פון קאָמוניסטן מיט ניט קיין קאָמוניסטן, וועלכע זיינען אָבער אויסגעהאַלטענע מאַטעריאַליסטן.

אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. די ווערק פון אַטעאיסטן אין XVIII יאָר־הונדערט. די אופגאַבן פון א מאַרקסיסטישן זשורנאַל אַפן געביט פון אַנטירע־ליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

באַטייט פון קריטיש־ביבליאָגראַפישע איבערבליקן פון דער מאַטעריאַליסטי־שער ליטעראַטור.

די נייטיקייט איבערצוזעצן און רעפּערירן דאָס בעסטע און ווערטפולסטע, וואָס ס'איז פאַראַן אין דער אַטעאיסטישער ליטעראַטור אַף אלע שפּראַכן. די נייטיקייט אונטערטראָגן די מאַסן דעם פאַרשיידנאַרטיקסטן מאַטעריאַל איבער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, אופוועקן זיי פון רעליגיעזן שלאָף און פאַרינ־טערעסירן מיט א באַוואוסטזיניקער קריטיק פון רעליגיע. אין די מאַרקסיסטי־שע זשורנאַלן, אלס אָרגאַנען פון קריגערישן מאַטעריאַליזם — דאַרף אָפּגעטיילט ווערן אַ סאַך אָרט פאַר אַטעאיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פאַר איבערבליקן פון דער אַטעאיסטישער ליטעראַטור.

פאַרבאַנד פון מאַרקסיסטן מיט די פאָרשטייער פון נאַטורוויסנשאַפט. יעדער נאַטורפאָרשער דאַרף זיין א דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט.

לענין — קעגן יעטווידער רעליגיע (אַלטע, באַנייטע), קעגן רעליגיע, אויב זי איז אפילע אָן גאָט.

ליטעראַטור

לענין: VII באַנד, אַרט. „סאָציאַליזם און רעליגיע"

„ XI „ „ „וועגן באַציאונג פון ארבעטער-פאַרטיי צו רע-ליגיע".

„ XI „ „ „קלאַסן און פאַרטייען אין זייער באַציאונג צו רעליגיע און קירך".

„ „וועגן באַטייט פון קריגערישן מאַטעריאַליזם". (אין זשורנאַל „Под знаменем марксизма" פאַר 1922 י. № 3).

„ „פראָלעטאַריאַט און רעליגיע".

„ „וועגן רעליגיע".

בוכאַרין און פרעאָבראַזשענסקי: „אַלעפבייס פון קאָמוניזם" קאַפיטל XI: „רעליגיע און קאָמוניזם".

י. יאַראָסלאַווסקי: „לענין און רעליגיע".

רעליגיע און קאמוניזם.

(1 שמועס — 1 שאָ)

צוויי מינים פראָלעטאַריאַט. דער פראָלעטאַריאַט אין דער אַנטיקער (אַל-טער) וועלט איז געווען א פאַראַזיטישער, איז באַשטאַנען פון לומפּן. דער מאָדערנער פראָלעטאַריאַט איז דער גרעסטער שעפערישער קויעך אין דער געזעלשאַפט.

פאַרוואָס האָט קריסטנטום געקאָנט ווערן די רעליגיע פונם אַנטיקן פראָ-לעטאַריאַט?

דער מעהוס פונם קאָמוניזם. קאָמוניזם — די וויסנשאַפטלעכע טעאָריע וועגן דער געזעלשאַפטלעכער איבערבויאונג דורך דער סאָציאַליזירונג פון די פראָ-דוציר-מיטלען און געצייגן.

רעליגיע — דאָס גלויבן אין איבערנאַטירלעכעס. די רעליגיעזע פאָרשטע-לונגען וועגן וועלט און מענטש האָבן אַנטשפּרעכט דער פרימיטיווער אומ-קריטישער באַציאונג פונם מענטשן צו די אַרומיקע וועלט-דערשיינונגען. רע-ליגיע אַנטוויקלט זיך אין א קלאַסנגעזעלשאַפט און דינט שטענדיק ווי א מיטל צו אונטערדריקן די פראָלעטאַרישע מאַסן.

די וויסנשאַפטלעכע וועלטאַנשויאונג אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט מוז מאַכן אַ סאָף צו יעטוועדע רעליגיעזע אַנשויאונגען.

רעליגיע האָט זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומענדערונגען פונם לעבן. די רעליגיע פּרואווט זיך צופּאַסן צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. קריסטלעכער סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם. די אידעאָלאָגיע פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט האָט קלאָל ניט צו טון מיטן דאָזיקן שימל.

צי איז מעגלעך א סאָציאַלער קאַמף בּאַ א רעליגיעזער וועלטאַנשויאונג? רעליגיע פאַרטונקלט דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין און טויט אָפּ דעם ווילן צו קלאַסנקאַמף.

דער ציל פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט — סאָציאַליסטישע איינאָרדענונג אַף דער ערד, אָפּזאָג פון אילוזאָרישע גליקן אַף יענער וועלט.

רעליגיע קאָן זיך ניט צונויפמענלעבן מיט דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויאונג.

די מאָראַלישע סיסטעם פון דער רעליגיע האָט ניט קיין שאַיכעס צו דער מאָראַלישער סיסטעם פונם פּראָלעטאַריאַט. דער קלאַסן-כאַראַקטער פון יעטווידער מאָראַלישער אידעאָלאָגיע. יעטווידע רעליגיעזע מאָראַל איז א געצייג אַף צו אונטערדריקן דעם פּראָלעטאַריאַט. די מאָראַל טראָגט אַף זיך א קלאַסנשטעמפּל: א בורזשואַזע מאָראַל, א פּראָלעטאַרישע מאָראַל.

די וויסנשאַפט און דער מאַטעריאַליסטישער וועלט-קוק וועלן ארויסשטויסן די רעליגיע. די אירעליגיעזיטעט.

ליטעראַטור

נ. לענין: „סאָציאַליזם און רעליגיע", VII באַנד.
ס. מינין: „רעליגיע און קאָמוניזם".
וו. ביסטריאַנסקי: „קאָמוניזם און רעליגיע".

רעליגיע און פרייהייט.

(איין שמועס — 1 שאָ)

איינער פון די הויפּט-סימאָנים פון דער רעליגיע איז רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ, וועלכער דינט אין די הענט פונם הערשנדיקן קלאַס, ווי אַ געצייג פון פּאָליטישן קאַמף. די שטריכן פון רעליגיעזן אומטאָלעראַנץ: ניוועלירונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, בלינדע געהאָרכזאַמקייט, אָפּזאָג פון זעלבשטענדיקן דיינקן.

קאַמף מיט אַפּיקאָרסעס, אַלס מיטל פון פּאָליטישן קאַמף. געשיכטע פון רעליגיעזע רעדיפעס אַף מאַירעוו: קרייץ-צוגן, אינקוויזיציע, שאַנד-צייכן, געטאָ. אנטייל פון וועלטלעכער מאַכט אין די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען מיצאַד דער קירך.

קאַמף פון קירך און פון די אידישע ראַבאָנים קעגן דער וויסנשאַפט. דער וועג פון דער וויסנשאַפט איז פאַרזייט מיט די קערפּער פון וויסנשאַפט-

מאַרטירער. די קאַמף-מיטלען, וואָס די אידישע ראַבאָנים האָבן באַנוצט אין קאַמף מיט פריידיינקער: דער כיירעם א. א. (שפינאָזע, אוריעל אקאָסטא, שלוימע מיימען און אנדערע).

פרייהייט פון געוויסן און פּאָליטישע באַגרענעצונגען.

דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע — אַ נייטיקער טנאי פאַר געוויסן-פרייהייט. די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט צוזאַמען מיט פּאָליטישער פרייהייט פּראָקלאַמירט אויך געוויסן-פרייהייט.

די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך געוויסן-פרייהייט. אין דער אייגע-נער צייט האָט זי בא אַלע אונטערדריקטע געעפנט די אויגן אף דער פאַלש-קייט און פאַרורטיילן, וועלכע זייגען פאַרבונדן מיט יעטווידער רעליגיע.

פרייהייט אין דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט און קאָמוניסטישע מאָראַל

ליטעראַטור

ו. ג. סטרומילין: „גאָט און פרייהייט".

מעלגונאוו: „וועגן פרייהייט פון געוויסן".

פאַרוואָס איז דער פּראָלעטאַריאַט ניט רעליגיעז און די קליינ-בורזשואַזיע און פויערטום — רעליגיעז.

(איין שמועס — 2 שאָ)

פּראָגראַם.

אינם עצעם גאנג פונם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף פאַרלירט דער פּראָלע-טאַריאַט זיין רעליגיעזישקייט. די עקאָנאָמישע סיבעס, פאַרוואָס די בורזשואַזיע גלויבט אין גאָט. די סיבעס, פאַרוואָס דאָס פויערטום איז רעליגיעז. וואָס מער מיר דערנעענטערן זיך צו דער אָנקלאַסנדיקער אָנמעלוכישער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט — אַלץ מער שטאַרבט אָפּ די רעליגיע.

קאָנספּעקט.

דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז ניט רעליגיעז, האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין גאָט, אַלס אין אַ איבערנאַטירלעך וועזן, וועלכער פירט אָן מיט דער וועלט און מיט דער מענטשלעכער געזעל-שאַפט. אינם טאָג-טעגלעכן קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן פאַר דער אויסבעסע-רונג פון זיין עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד, בעשאַס די שטרייקן קעגן די אונטער-נעמער-פאַבריקאַנטן — איבערצייגט זיך דער פּראָלעטאַריאַט, אַז מיט טפילעס און מיט ווענדונגען צום ניט-עקזיסטירנדיקן גאָט וועט ער זיך צו גאָרנישט ניט דערשלאָגן. אויסקעמפן אַ בעסער לעבן וועט ער קאָנען אויסשליסלעך דורך שטאַנדהאַפטיקייט און פאַראייניקונג פון אלע פּראָלעטאַרישע קויכעס.

פירנדיק דעם קלאַסנקאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן — לעבט דערמיט גופא דער פּראָלעטאַריאַט אויס זיינע רעליגיעזע גלויבונגען. דעם 9-טן יאַנוואַר 1905 איז צעשאָסן און פאַרניכטעט געוואָרן בא פּעטערבורגער (לעניגראַדער) אַרבעטער דער גלויבן אינם הימלשן קייסער.

אַנשטאָט זיך צו ווענדן צו גאָט — איז דער פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט געווען געצוואונגען זיך נעמען פאַר געווער קעדיי צו קעמפן פאַר זיינע קלאַסן-אינטערעסן. דער קלאַסנקאַמף האָט אויסגעלופטערט די פּראָלעטאַרישע מויכעס פון רעליגיעזע פאָרורטיילן און האָט זיי געצוואונגען ערנסט צו באַגרייפן און פאַרשטיין זייער קלאַסן-לאַגע און אינטערעסן.

די קאַפּריזן און צופעליקייטן, וועלכע באַגלייטן די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פונם האַנדל, דער וואוילשטאַנד און לעבן פון דער בורזשואַזיע צעפלאַקערן די פאַנטאַזיע פון דער בורזשואַזיע און שטיצן איר גלויבן אין גאָט. די האַוטאָכע פון אייביקן לעבן אויף יענער וועלט — איז בא דער בורזשואַזיע אַ מיטל אָף ניט צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער דאָ אָף דער זינדיקער ערד. דאָס אומבאַוואוסטע אין דער סאָציאַלער סוויווע רופט אַרויס באַם בורזשואַ די נייטיקייט פון דער אידייע פון אַ גאָט, וועלכער טיילט פאַנאַנדער די רייכקייטן, באַשאַפענע דורכן אַרבעט-פאָלק.

די פויערים גלויבן אין דעם ניט-עקזיסטירנדיקן גאָט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נאָך ניט באַגרייפט דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס און זיי געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון די סטיכייאישע אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי נאַטור-קרעפטן.

נאָכדעם, ווי די אַמערסטן אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג וועלן באַגרייפן דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס און וועלן אַריינטרעטן אין קאַמף מיט דער נאַטור, נאָכדעם ווי ס׳וועלן פון דער אַרענע פאַרשווינדן די קלאַסן און ס׳וועט אויפהערן דער קלאַסנקאַמף — וועלן אָפּשטאַרבן אויך די רעליגיעזע גלויבונגען, וועט פאַרשווינדן דער גלויבן אין גאָט, אַלס אומבאַגרייפלעך, איבערנאַטירלעך וועזן. די רעליגיע וועט דעמאָלט זיין אַן איבעריקע זאַך.

ליטעראַטור:

פּ. לאַפאַרג. „אָפּשטאַמונג פון רעליגיע".
לענין: „פּראָלעטאַריאַט און רעליגיע".
אי. סטעפּאַנאָוו: „פּארוואָס פאַלט דער גלויבן אין גאָט".

די אַנטוויקלונג פונם אידישן גאָט.

(איין לעקציע — איין שאָ)

קאָנספּעקט.

די אידן האָבן געשאַפן זייער גאָט לויט זייער סאָציאַלן געשטאַלט. אין דער וואַנדער-טקופע האָט יעדע מישפּאָכע זיך געהאַט אירע הויז-געטער

(תרפים). אַ זייכער דערפון איז פאַראַן אין דער מאַיסע פון ראָכלען, וועלכע האָט צוגעגאַנוועט בא איר פאָטער לאָוון זיינע טראַפּים.

יאַהווע (יהוה) איז דער גאָט פון מילכאָמע, וועלכער באַגלייט די בעדואינער-שוואָטים אין זייערע אָנפאַלן אף אַנדערע שוואָטים.

די נאַכט-רוכעס (שעירים) אין דער מידבאָר פאַלן אָן אף די שאָף פון די נאָמאַדן. די קאָרבאָנעס זיינען אַ מיטל אף צו פאַרגיטיקן די בייזע געטער. דער „שעיר לעזאָזל״.

ווען די וואַנדער-שוואָטים פאַרייניקן זיך אין גרעסערע קערפּערשאַפטן צו עטלעכע שוואָטים איינעם און הייבן אָן פאַרנעמען דאָס לאַנד קנאַאַן — הייבן אָן די געטער און גייסטער פון דער מידבאָר אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר נייע געטער פון די אָרטיקע איינוואוינער: באַאַל (די זון אַלס האַר פון דער וועלט) אַשטוירעס (די געטין פון פּרוכבאַרקייט, באַאַלס פרוי) און אַנד.

דער נאַציאָנאַלער גאָט יאַהווע איז געבליבן דער גאָט פון מילכאָמע. אין דער צייט פון מילכאָמע אָדער פון אַן אַנדער געפאַר פלעגן זיי זיך דערמאָנען אינם אַלטן צאַרניקן גאָט יאַהווע און רופן צו אים נאָך הילף.

די אויסבילדונג פון אַ ספּעציעלן קויהאַנים-שטאַנד, וועלכער זעט צו קאָנצענטרירן דעם גאַנצן קולט אין איין אָרט. דער בייסהאַמיקדאָש אַלס רעליגיעזער צענטער. דאָס דינען צו אַנדערע געטער ווערט ניט אָפּגעשוואַכט. דער קאַמף פון די קויהאַנים קעגן דעם.

נאָכן גאָלעס-באָוול ווערט איינגעשטעלט דאָס גלויבן אין איין גאָט (מאָנאָ-טעאיזם), נאָר דער קולט פונם פאָלק, יסראָעל נעמט אין זיך אריין אַסאַך עלעמענטן פון די אַרומיקע פעלקער, מיט וועלכע די אידן קומען אין באַריר.

די סטירעס אין דער טוירע.

(1 לעקציע — 1 שאָ)

די טוירע איז ניט געגעבן געוואָרן פאַר איין מאָל פון באַרג סינאַי, ווי עס דערציילט די מעסוירע, נאָר זי איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַפן יעסאָד פון אָנגעקליבענע טעקסטן און פאָלקס-מאַיסעס אין מעשעך פון דוירעס. אין דער ענדגילטיקער רעדאַקציע, וואָס מיר האָבן בא היינטיקן טאָג, זיינען אַריין פאַרשיידענע וואַריאַנטן, וועלכע זיינען סויסער איינע די אַנדערע.

איניקע סטירעס:

צוויי וואַריאַנטן פון מאַיסע בערייִשים:

לויט דער ערשטער פאַרשע, האָט „אלהים״ באַשאַפן אַלץ אף דער וועלט אין 5 טעג און ערשט אַפן זעקסטן טאָג האָט ער באַשאַפן דעם מענטשן; לויט דער צווייטער פאַרשע אָבער האָט „יהוה אלהים״ באַשאַפן פריער פון אַלץ דעם מענטשן און ערשט נאָכדעם די איבעריקע וועלט.

אין דער ערשטער פּאַרשע: זכר ונקבה ברא אותם — הייסט עס, אַז גאָט האָט איינציייטיק באשאפן דעם מאַן מיט דער פרוי; אין דער צווייטער פּאַרשע געפינען מיר אַ גאנצע מאַיסע מיט כאַווען.

וואו האָט קאַיין געמומען אַ ווייב, ווען אינגאַנצן איז געווען אַף דער וועלט איין פרוי, זיין מוטער כאַווע.

משה אַליין שרייבט אף זיך: ויאמר משה...

אין תורת כהנים שטייט: שבעת ימים תאכל מצות, אין דער סדרה ראה שטייט: ששת ימים תאכל מצות. מיט אַזעלכע סטירעס איז פול די גאַנצע טוירע. די שפּעטערדיקע מעפּאָרשים האָבן זיך געפּרואווט אויסגלייכן די סטי-רעס מיט פּאַרשיידענע סכאָלאסטישע קונצן.

ליטעראַטור:

ה. לוריע: „טוירע".

אידישע יאָנטויווים און ריטואַל.

(לעקציע — 2 שאָ)

פּ ר אָ ג ר אַ ם.

די פּאַרוואנדלונגען פון די אידישע יאָנטויווים.

שאַבעס, ראָשכוידעש, פּייסאַך, שוואוס, ראָשעשאָנע, יאָמקיפּער, סוקעס, סימכאַס-טוירע, כאַנוקע, פּורים און טאַנייסים.

מילע, בירכאַס קויהאַנים, כופּע וועקידושן, באַסער-בעכאָלעוו, ט ר יי פ ע ס, כאַזער, שיווע, באַרמיצווע, מעזוזעס, טאַלעס און טפילין, סיידער, אַוואוידע, האָמען-קלאַפּן.

קאָ נ ס פּ ע ק ט:

די אידישע יאָנטויווים זיינען ניט פון באַרג סינאַי. די ענלעכקייט פון די אידישע יאָנטויווים צו די יאָנטויווים פון אַלע איבעריקע מיזרעך-פעלקער. פרעמדע ווירקונגען.

ש אַ ב ע ס—איבערגענומען באַ די באוולים אַלס יאָנטעוו לעקאָוועד דער פול-לעוואָנע, (איינמאָל אין כוידעש); שפּעטער ווערט שאַבעס אַ רו-טאָג איינמאָל אין וואָך.

פּ יי ס אַ ך—אַלס יאָנטעוו פון איבערבעטן די בייזע רוכעס, זיי זאָלן ניט פלאָגן די פיך (אין דער וואַנדער-טקופע).

פּייסאַך, אלס כאַג-האָאָוויוו (פרילינג-יאָנטעוו), פאַרבונדן מיט דער ערד-אַרבעט, ווען מע פייערט דעם ערשטן שניט פון גערשטן און מע ברייגגט אַלס מאַטאָנע צו גאָט די ערשטע גאַרבן.

כאַג-האַמאַצעס, אַ רעשטל פון דער וואַנדער-עפּאָכע, ווען מע פלעגט באַקן

גערשטענע ניט געזײַערטע מאַצעס. שפּעטער האָבן די קויהאַנים צוגעטשעפּעט די מאַיסע פון יעציעס-מיצראַים מיט די ניט געשטויגענע ניסים.

שוואועס — אין אָנהייב—יאָנטעוו פון סאָף שניט (חג הבכורים), שפּעטער צוגעטשעפּעט מאַטן-טוירע.

סוקעס — פון אָנהייב אַ יאָנטעוו פון איינזאמלען די פּיירעס (חג האסיף), שפּעטער צוגעטשעפּעט די לעגענדע וועגן דער אידישער וואַנדערונג אין דער מידבאָר נאָך יעציעס-מיצראַים.

ראָשעשאָנע — אָנהייב יאָר אין הארבסט, אַ טאָג פון פרייד. שפּעטער אין באָוועל, וואו דאָס ניי-יאָר פלעגט מען פייערן אין פרילינג, האָבן די קוי-האַנים פאַרוואַנדלט ראָשעשאָנע אין א רעליגיעזן יאָנטעוו מיט שויפער בלאָזן און מיט גאָט בעטן.

יאָמקיפּער — אַ יאָנטעוו פון פארגעבן. ער פלעגט פאָרקומען אין האַרבסט מיט מאַגישע צערעמאָניעס קעדיי צו באַגיטיקן די בייזע רוכעס פונם ווינטער, וואָס קומט אָן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ יאָנטעוו פונם אידישן גאָט מיט זיינע קויהאַנים (דעריבער שפּילט דאָ אַ ראָלע דער קויהען גאָדל).

כאַנוקע און פּורים — יאָנטויוויום מיט שפּורן פון גאָראַלטע צייטן.

טאַנייסים — פייניקונג פונם גוף. אַ קאָרבן צו גאָט און צו רוכעס. שפּע-טער צוגעטשעפּעט פאַרשיידענע היסטאָרישע דאַטן און געשעענישן (טישעבאָוו, עסטער-טאָנעס, שיוועאָסער בעטאַמוז, אַסאָרע בעטייוועס א. א.).

מילע — אַ באַרבאַרישער מינהעג צו איינשניידן דאָס פליישׁ פון אַ איי-ווער צום סימען פון אָנגעהעריקייט צו א באַשטימטן שטאם (אות ברית). מילע באַ די מיזורעך-פעלקער (טערקן, טאָטערן). מילע באַ אידן מיט אַלע ווילדע מינהאָגים.

ליטעראַטור:

1) ניקאָלסקי — אידישע יאָנטויוויום.
לוריע — פּייסאַך,
„ — שאַבעס,
„ — יאָמקיפּער.

אידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

(1 לעקציע — 2 שאָ)

פּראָגראַם:

כיידער, טאַלמיד-טוירע, יעשיווע, ראַבאָנים, קעהילע, שול, רעליגיעזע כעווּרעס.

קורצער קאָנספּעקט:

דער אידישער מאַטעריעלער און גייסטיקער געטאָ. אָפּגעריסנקייט פון דער אַרומיקער וועלט. כיידער אַלס א דערציאונג-אַנשטאַלט, וואָס אַנטשפּרעכט דער

אָפּגעזונדערטקייט פון דער גאַנצער וועלט. די סיסטעמלאָזיקייט פונם לערנען אין כיידער. דער כיידער פאַרקריפּלט דעם מויעך פונם קינד און מאַכט אים פאַר אַן אַמהאָרעץ. דער מעלאַמעד אַלס טיפּ פון אַ טויגעניכטס. די פּאַראַכט-לעכע באַציאונג צום מעלאַמעד. דער ווירקונג-מעטאָד פונם כיידער — קאַנט-טשיק און קונע. דער אַנטי-סאַניטארער צושטאַנד אין כיידער. דער גאַנצער רומל פון כיידער: די רעבעצן, די ציג, די פּאַמויניצע א. א. וו.

די קלאַסן-צעטיילונג אין דער דערציאונג-סיסטעם: טאַלמודטוירע פאַר אָרע-מע. דאָס טאַלמודטוירע-אינגל — אַ פאַרוואַרלאָזט קינד, מיט וועלכן מע שאַפט זיך.

די „הויכע בילדונג" אין דער בילדונג-סיסטעם פון געטאָ: די יעשיווע. פרושים. די לימודים אין דער יעשיווע. סכאָלאַסטיק. דאָס שטאָפּן זיך מיט סוגיעס וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שום רעאַלן ווערט ניט. טעג עסן. פאַר-דאָרבנקייט פון די זיטן. געשלעכטלעכע פאַרקריפּלונגען. גייסטיקע קאַליקעס, וואָס גרייטן זיך צו ווערן פירער פון גאָטס איידע.

ראַבאָנים, זייער ראָלע אין דער רעליגיעזער קעהילע. קלעריקאַליזם, זיין קאַמף קעגן דער פרייהייט-באַוועגונג. קעהילע. די מיטלען פון קאַמף קעגן די אויכרע-יסראָעל (פאַרדאָרבער פון די אידן): כיירעם, קונע א. א. כעווראָס פונם געטאָ: כעוורע קאַדישע, כעוורע טילים, כעוורע מישנאַיעס, האַכנאָסעס קאַלע, כעוורע שוימרע שאַבעס און מאַכזיקע האַדאַס א. א. זייער ראָלע אינם קאַמף פון דער בורזשואַזער רעגירונג קעגן דער אַרבעטער-באַוועגונג. קלערי-קאַלן און גאָטס זשאַנדאַרמען, וואָס קעמפן אַקטיוו קעגן די „פרייע", קעגן מעכאַלעל שאַבעסניקעס אין אויסלאַנד, דעריקער אין פוילן, זיינען די אידישע מאַכנע פונם אַלוועלטלעכן פאַשיזם.

די שול — דער צענטר פונם רעליגיעזן לעבן, און די נעסט פון אַלע פינצ-טערע קויכעס אין אידישן לעבן.

ליטעראַטור:

1) דער מישפּעט איבערן כיידער. וויטעבסק.
2) אבא לעוו: דער קאַמף פון די קליי-קוידעש.
3) די קלאַסיקער: מענדעלע, פּערעץ און שאָלעם-אַלייכעם.

די שפּורן פון באַרבאַריזם אין אידישן קולט.

(1 לעקציע — 1 שאָ)

קאָנספּעקט.

מילע.

דאָס איז אַ רעשטל פון יענע ווילדע צייטן, ווען די פאַרשטאָרבענע על-טערן פלעגן דינען דעם מענטשן אַלס געטער (טאָטעם). דער מענטש פלעגט ברייינגען די אָרלע פאַר א קאָרבן צו זיינע עלטערן-געטער און דערמיט ווי

געגעבן צו וויסן, אַז ער וועט פאַרזעצן די פאַרמערונג פונם שייוועט, (אות ברית). דאָס איז פאַרבליבן אַ רעשטל פון גאָר אוראַלטע צייטן, ווען מע האָט נאָך געבראַכט מענטשלעכע קאָרבאָנעס.

טאָמע און טאָהער. קאָשער און טרייף.

די מערהייט פון כאַיעס און אויפעס טמייאים געהערן צו די רויב-באַלע-כאַים; דער אוראַלטער מענטש האָט געהאַלטן, אַז אין זיי זיצן בייזע רוכעס (אָפטער גייען דידאָזיקע כאַיעס רויבן באַנאַכט),—און דערפאַר האָט ער מוירע געהאַט זיי צו געברויכן. כוצדעם זיינען אַ סאַך פון זיי געווען אַמאָל פאַר-הייליקט, אַלס געטער, און דעריבער האָט דער מענטש גערעכנט, אַז מע טאָר זיי ניט עסן. דערפון האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער גאַנצער באַרג פון דינים וועגן קאָשער און טרייף.

די קירך איז אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע און די שול פון דער קירך.

(1 לעקציע — 2 שאָ)

קאָנספּעקט.

די קירך איז פאַרבונדן מיט דער מעלוכע און מיט דער שול אין דער פעאָדאַלער און בורזשואַזער אָרדענונג.

די קלאַסן-ראָלע פון דער קירך באַם אַלטן רעזשים.

די רעליגיע און די קירך זיינען אַ געצייג פון אונטערדריקונג אין די הענט פון די פּריצים און בורזשואַזיע.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז די מעלוכע און די שול אָפּגעטיילט פון דער קירך.

די רעליגיע איז אַ פּריוואַט-זאַך בענוגייע צו דער מעלוכע.

אונזער קאָנסטיטוציע וועגן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע.

פרייהייט פון געוויסן.

אָפּגעשאַפט די מעלוכע-רעליגיע.

אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס, וואָס נעמען זיך פון דער געהעריקייט פון די בירגער צו דער אָדער יענער רעליגיע.

אָפּגעשאַפט די ביודזשעטן פון די קולטן.

פאַרבאָט צו באַגלייטן מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס די אַקטן פון מעלו-כישע אָדער געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. אָפּרו-טעג.

אָפּגעשאַפט די רעליגיעזע שוואוע.

די קלייקוידעש און גייסטלעכע האָבן קיין וואַלרעכט ניט.

די קירכלעכע און רעליגיעזע געזעלשאַפטן האָבן ניט קיין רעכט פון אַ יורידישער פּערזאָן.

זיי האָבן קיין רעכט ניט צו באַנוצן קיין אייגנטום.
די אַקטן פון ציווילן שטאַנד ווערן געפירט נאָר דורך דער ציווילער מאַכט.
די שול איז אָפּגעטיילט פון דער קירך.
פאַרבאָטן צו לערנען די רעליגיעזע לימודים אין שול.
די ראַבאָנים און די קעהילעס בעאייס דעם בירגער-קריג און זייער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע ראָלע. דער קאַמף פון די ראַבאָנים קעגן די אידישע סעקציעס ווייל זיי האָבן אָפּגעשאַפט דעם כיידער.

ליטעראַטור:

Н. Ленин.—Социализм и религия. Собр. соч. том VII, часть 1

Н. Ленин.—Об отношении раб. партии к религии. Собр. соч т. XI, ч. 1, стр. 250—260.

Н. Ленин.—Классы и партии в их отношении к религии и церкви (т. XI, ч. 1, 260—268).

Н. Ленин.—О значении воинствующего материализма. „Под знаменем марксизма“ (М.) 1922 г. № 3 Март, стр. 5—12.

Н. Ленин.—К четырехлетней годовщине Октябрской революции (т. XVIII, ч. 1, М. 1923 г. стр. 363—365).

VI־ער אָפּטייל

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

פון דער פּראָגראַם פון אל. ק. פּ.

אפּן געביט פון רעליגיעזע באַציאונגען.

13. אין דער באַציאונג צו דער רעליגיע באַנוגנט זיך ניט די ר. ק. פּ. מיטן אָפּטיילן די קירך פון דער מעלוכע און די שול פון דער קירך, וואָס איז שוין דעקרעטירט געוואָרן, ד. ה. מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס אַפילע די בור־זשואַזע דעמאָקראַטיע שטעלט ארויס אין אירע פּראָגראַמען, אָבער זי האָט עס ערגעץ אין דער וועלט ניט דערפירט ביזן סאָף, איבער די פילארטיקע פאַקטישע פאַרבינדונגען צווישן דעם קאַפּיטאַל מיט דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

די ר. ק. פּ. איז איבערצייגט, אַז נאָר די פאַרווירקלעכונג פון דער פּלאַנ־מעסיקייט און פון דער באַוואוסטזיניקייט אין דער גאַנצער געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די מאַסן וועט ברענגען מיט זיך דאָס פול־קאָמע אָפּשטאַרבן פון די רעליגיעזע פאַרורטיילן. די פּאַרטיי שטרעבט צו דער פולקאָמער צעשטערונג פונם צוזאַמענבונד צווישן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאסן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, און דער־מיט מיטהעלפן די ארבעטנדיקע מאסן פאַקטיש צו באַפרייען זיך פון די רע־ליגיעזע פאָרורטיילן און צו אָרגאַניזירן די ברייטסטע אופקלערונג־וויסנשאַפט־לעכע און אנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. דערביי, אָבער, מוז מען זאָרגן ניט צו באַליידיקן די געפילן פון די גלויביקע, ווייל דאָס קאָן בלויז פירן ניט מער, ווי צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

פון דער רעזאָלוציע פון XIII פּאַרטיי־צוזאמענפאָר פון אל. ק. פּ. וועגן אנטירעליגיעזער פּראפּאגאנדע.

ס׳איז נייטיק אַנטשיידן צו ליקווידירן יעטוועדע פּרואוון פון קאמף מיט רעליגיעזע פאָרורטיילן דורך אַדמיניסטראטיווע מיטלען, ווי פאַרמאכן קירכן, מעטשעטן, שולן, באַטיי־טפילע, קאָסציאָלן א. ד. ג.

די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאגאנדע אין דאָרף דאַרף טראָגן אַ כאראקטער פון א אויסשליסלעך מאַטעריאליסטישער דערקלערונג פון דער נאַטור און פונם

געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט וועלכע ס'שטויסט זיך צונויף דער פויער. דאָס דער־קלערן, פון וואָס ס'נעמט זיך א האָגל, א רעגן, א שטורעם, א טרוקעניש; פאר־וואָס ס'באַווייזן זיך מאַשכּיסים, די אייגנשאַפטן פון באָדן, די ווירקונגען פון באמיסטיקונג א. ד. ג. — איז דער סאמע בעסטער מין אַנטירעליגיעזע פּראָ־פּאגאנדע. אלס צענטער פון אזא פּראפּאגאנדע דארף מען מאַכן די שול און דאָס לייען-הייזל אונטער דער אָנפירונג פון די פּאַרטאָרגאַניזאציעס.

באַזונדערס אופמערקזאַם איז נייטיק נאָכצושפּירן ניט צו באליידיקן דעם רעליגיעזן געפיל פונם גלויבנדיקן. מ'קאָן איבער אים אָפּהאַלטן א ניצאָכן בלויז דורך זייער א דויערנדיקער אופקלער-ארבעט, אן אויסגערעכנטע אף יאָרן און צענדליקער יאָרן. אַזאַ פּאַרזיכטיקע באציאונג איז באזונדערס נייטיק אין די מיזרעך-רעפּובליקן און געגנטן.

אַ באזונדער-אופמערקזאמע באציאונג איז נייטיק צו די סעקטאַנטן, וואָס א סאַך פון זיי פלעגן אפן שרעקלעכסטן אויפן ווערן גערוידעפט מיצאַד דעם צאריזם און ס'האָט זיך באמערקט אין זייער סוויווע א סאך אַקטיווקייט".

רעזאָלוציע פון פארברייטערטן פלענום פונם אויס-פּירקאָם פון קאָמינטערן אין יוני 1923 י.

„די קאָמוניסטן פאָדערן, אַז די רעליגיע זאָל זיין א פּריוואַטע זאך בענוי־גייע צו דער בורזשואַזער מעלוכע. די קאָמוניסטן קאָנען אָבער בעשומויפן ניט שטיין אַפן שטאנדפּונקט, אַז די רעליגיע איז א פּריוואַט-זאך אויך בענויגייע צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי. די קאָמוניסטן פאָדערן, אַז די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי אַלס אזעלכע זאָל ניט האָבן קיין שום שאַיכעס צו רעליגיע, אַז די רעליגיעזע געזעלשאפטן זאָלן אין קיין שום מאָס ניט זיין פאַרבונדן מיט דער בורזשואזער מעלוכע-מאכט. די קאָמוניסטן פאָדערן, אַז יעדער ביר־גער זאָל זיין פריי צו האַלטן פון וואָס פאר א רעליגיע ער וויל, אָדער ניט אנערקענען קיין שום רעליגיע, ד. ה. זיין אן אַטעאיסט. יעדער באַוואוסטזי־ניקער קאָמוניסט איז געוויינלעך אן אטעאיסט. די קאָמוניסטן פאָדערן, אַז אין דער מעלוכע זאָלן ניט זיין דערלאָזבאַר קיינע אונטערשיידן אין די רעכט פון די בירגער אַפן קריטעריום-סמאַך פון אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער גלויבונג. די קאָמוניסטן פאָדערן, אַז ס'זאָל אינגאַנצן אָפּגעשאפט ווערן אַפילע דאָס דערמאָנען אין די אָפיציעלע דאָקומענטן וועגן גלויבן פון די בירגער. די קאָמוניסטן דערשלאָגן זיך, אַז די בורזשואַזע מעלוכע זאָל ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו שטיצן קירכלעכע אָדער רעליגיעזע געזעלשאַפטן מיט געלט צי

מיט עפּעס אַנדערש. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען באַדייט די פאָדערונג, אַז די רעליגיע זאָל זיין אַ פּריוואַט-זאַך בענוגייע צו דער מ ע ל ו כ ע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קאָן זיך אָבער בעשומויפן ניט באַציען אינדיפערענט דערצו, וואָס אירע איינצלנע מיטגלידער זאָלן זיך פאַרנעמען, זאָל זיין ווי פּריוואַטע פּערזאָנען, מיט רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ פריייוויליקער פאַרבאַנד פון באַוואוסטזיניקע פאָרגעשריטענע קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער-קלאַס. דער קאָמוניסטישער אַוואַנגאַרד קאָן ניט און דאַרף ניט זיין אינדיפערענט צו דער אומבאַוואוסטזיניקייט, פינצטערניש און רעליגיעזער ווילדקייט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז מעכויעוו צו דערציען באַ אירע מיטגלידער ניט בלויז איבערגעגעבנקייט צו אַ באַשטימטער פּאָליטישער פּראָגראַם, צו די עקאָנאָמישע פאָדערונגען און סטאַטוט פון פּאַרטיי. זי דאַרף באַ זיי אויסאַרבעטן אויך אַ באַשטימטע גאַנצע וועלטאַנשויאונג פונם מאַרקסיזם, וואָס דער אַטעאיזם איז זיינער אַ באַשטאַנד-טייל.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מ'דאַרף די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פירן באַזונדערס פאָרזיכטיק, אין אַ באַזונדער באַדאַכטע פאָרם, אָפּהייניגיק פון יענע שיכטן, צווישן וועלכע די פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפירט. די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמוניסטן, באַזונדערס צווישן דער יוגנט—דאַרף געפירט ווערן לויט אַ שטרייִנג באַדאַכטער פּראָגראַם, באַ וועלכער ס'ווערט גענומען אין כעשבן די גאַנצע אומגעבונג.

אין דער קאָמוניסטישער מאַסן-פּאַרטיי טרעפן זיך צומאָל מאַסן-מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון די רעליגיעזע שטימונגען און פאָרורטיילן. נאָר די פּאַרטיי אָבער, אַלס גאַנצעס, און באַזונדערס, די אָנפירער-שיכטן פון פּאַרטיי—דאַרפן קעמפן קעגן די רעליגיעזע פאָרורטיילן און פריידיקן אַטעאיזם אין דער נייטיקער פאָרם. אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע פון רעליגיע, זאָל זיין אין די אמערסטן מאָדערניזירטע פאָרמען, מיצאַד אָנפירער-כאַווירים, באַזונדערס אינטעליגענטן—איז אַבסאָלוט ניט דערלאָזבאַר.

קאָמוניסטן שטייען פאַר אַריינציען אין די רייען פון קלאַסנדיקע פּראָפּאַריינען אַלע אַרבעטער, אומאָפּהייניגיק פון זייערע רעליגיעזע גלויבונגען.

געדיינקענדיק, אַז אין פאַרשיידענע לענדער זיינען דאָ מיליאָנען אַרבעטער, אין דער אָדער יענע מאָס רעליגיעז-געשטימטע—דאַרפן די קאָמוניסטן זיי אַריינציען אינם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף און בעשומויפן ניט אָפּשטויסן דידאָזיקע אַרבעטער צוליב זייערע רעליגיעזע פאָרורטיילן. באַזונדערס דאַרפן די קאָמוניסטן אין דער אַגיטאַציע פאַר אַן אַרבעטער- אָדער אַרבעטער- און פּויערים-רעגירונג—אונטערשטרייכן אָן אופהער, אַז זיי לייגן פאַר אינם דאָזיקן געביט אַ ברודערלעכן פאַרבאַנד פון אַלע אַרבעטער, אומאָפּהייניגיק דערפון, צי זיי זיינען רעליגיעז-געשטימטע מענטשן, צי אַטעאיסטן״.

דער הייליקער בונד פונם גוויר מיטן ראָוו קעגן דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג*).

1. „אַ בריוו צו די דווינסקער באַלעבאַטים און גווירים“.

„בעסטער הער. אַזוי ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן באַ אייך אין דווינסק אַ כעוורע סטאַצניקעס-סאָציאַליסטן אין בלאָע העמדלעך מיט קוטאַסן פון דער זייט, אַריבערגעלאָזן איבער די הויזן, אין ווייסע היטלען, מיט מעסערס אין די טאַשן, וועלכע דערלויבן זיך צו גאַנווענען, גאַזלענען, טון קאָל האַנוואָלעס אין דער וועלט: האַרגענען מענטשן אין מיטן גאַס, „לעין השמש“. יעדער מענטש, וועלכער זעט זייערע אַקטן, וואָס זיי טוען אָפּ, מאַכט זיך אויך ניט זעענדיק און ניט הערנדיק, מאַכמעס ער האָט פורכט, דאָס מע זאָל אים אויך ניט הארגענען, און אַזוי ווערגן זיי אויס און פאַרניכטן און פאַראָרעמען, אויב ניט הארגענען צום טויט, יעדן איינצלנעם באַלעבאָס, סיי פון די באַלמעלאָכעס, קרעמער, סיי פון די פאַבריקאַנטן, קופּצעס און פּאָדריאַטשיקעס, אלעמען איינציקווייס, ווי אַ קאַץ ראַמט אויס אסאך טרוסליווע מייז, וועלכע יעדע איינציקע האַלט פאַר זיך און באַהאַלט זיך באַזונדער אין אַ לאָך — דעריום איז געבליבן בעהעסקעם באַ אונז באַלעבאַטים, צו זען צו שטרייטן קעגן דעם מיט קאָל האַמעגלעכקייטן. זען אַנטקעגן דעם סאָרט מענטשן, וועלכע לייקענען אין גאָט און ווילן ניט וויסן פון קיין שום הערשונג, באַ וועלכע מענטשלעך בלוט האָט אַ קלענערע ווערדע, ווי וואַסער. מיר דארפן ניט שלאָפן אין דעם איניען און ניט מאכן זיך גרינגער אַפן האַרצן און זאָגן: פּאָטער, דאָס איז גאָרניט, דאָס איז נאָר אַן אייסעק פאַר קליינע אינגלעך, וואָס דאָס וועט באַלד איבערגיין. ניין, ליבע פריינט, דאָס איז ניט אַן איבערגאַנג. זעט נאָך, גיט א קוק, וואָס עס איז געוואָרן גאָר אין א קורצער צייט. וויפל מענטשן האָבן זיי שוין געהאַרגעט. אין אָנפאנג האָט זיך גאָר אָנגעהויבן נאָר פון אייניקע פּראָסטע יונגען, אייניפאכע באַלמעלאָכעס, פארבערס, וועלכע האָבן גענומען פּאָדערן גאָר קלייניקייטן. באַלמעלאָכעס און גווירים האָבן דאָס גאָרניט גענומען וואָונימאַניע און

*) די צוויי דאָקומענטן, וועלכע מיר ברייגגען דאָ, וועלן געבן דעם לעזער אַ קלאָרע פּאָרשטעלונג וועגן די שענדלעכע מיטלען, מיט וועלכע די גוויריש-ראַבאָנישע קליקע האָט געוואָלט באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

דער ערשטער דאָקומענט איז אַן אופרוף, וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעלאָזט דער דווינסקער לעדערפאבריקאנט גריליכעס און דער שטארק-פרומער ציאָניסטישער שוועבל-פאבריקאנט שלוימע זאַק, קעגן דער „כעוורע סטאַצעצניקעס-שאָציאַליסטן“, וועלכע האָבן געהאט די האָזע צו דערקלערן א שטרייק אַף די פאבריקן פון די דערמאָנטע צוויי גאָטספאָרכטיקע און קייסער-געהאָרכזאמע לייט.

דער צווייטער דאָקומענט איז אַן אופרוף, וועלכער איז אויסגעארבעט געוואָרן אַפן שווארץקלעריקאלן צוזאמענפאָר פון די רוסלענדישע ראבאָנים, אַף וועלכן די שווארצע פרומע העלדן האָבן געשלאָסן יאדאכעס מיטן צאריזם אַף צו דערשטיקן און אויסוואָרצלען די „פושעים“, די „כעוורע סטאצעצניקעס-שאָציאליסטן“.

האָבן גאָר געלאכט פון דעם, אויב וועלכע עס האָט נאָך דאַן דאָס ניט אָנגע-
וירט, האָבן זיי נאָך געגעבן א טייקעף און געזאָגט, דאָס זיי זיינען גאַנץ גע-
רעכט. היינט זעט, ווי דאָס האָט זיך פאַרברייטערט, היינט ארבעט בא זיי
אין דעם אַלע באַלמעלאָכעס-פּויעלים, פּריקאַזשטשיקעס, שילער און דער גאַנ-
צער געמיינער נאַראָד. אויך זייערע פאָדערונגען זיינען אָן אַ ברעג. וואָס
ווייטער פאַרלאַנגען זיי מערער, ביז דאָס לעצט וועלן די קאַפּיטאליסטן זיי
מוזן אַוועקגעבן: זייער פאַרמעגן, זייערע פרויען און קינדער און אין ענדע אויך
זייערע נעשאָמעס. דאָס איז זייער ציל, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין זייערע פּראָק-
לאַמאַציעס, צייטונגען. ווער עס האָט געלעזן זייער בעזצענזורנעם זשורנאַל
„די אַרבעטער-שטימע”, אויך פון זייערע ביכער. על כן, ליבע פריינט, מוזן
מיר זען צו שטרייטן קעגן דער איצטיקער קראַנקייט, וועלכע גייט אַרום
איצט איבער דער וועלט, ווי אַ כאָלערע, און מע האָט ניט קעגן דעם קיינע
מיטלען אָפּצוהאַלטן די קראַנקייט. מיר מוזן טון קעגן דעם די זעלבע מיט-
לען, וואָס זיי טוען קעגן אונז. דאָס ערשטע זאַך איז אַכדעס. מיר, באַלעבאַ-
טים און גווירים, קרעמער און פּאָדראַטשיקעס, מוזן זיין אין אַכדעס קעגן
דעם איניען. ווער עס קאָן נאָר וואָס עס איז טון קעגן זיי, ווער עס קאָן
נאָר באַגראָבן אַ כעוורעמאַן, סיי פון באַלמעלאָכעס און סיי פון פּריקאַזטשי-
קעס, ווער עס ווייס נאָר עטוואָס פון זיי, טאָר ניט שווייגן און זען באַ-
גראָבן זיי, מיט וואָס נאָר מעגלעך איז. צונויפריידן זיך נאָר באַלעבאַטים און
גווירים און ריידעפן זיי „עד לחרמה”, אָן ראַכמאָנעס. „הבא להרגך, השכם
והרגו”, דאָס הייסט, דער, וואָס וויל דיך טויטן, פאַרכאַפּ און טויט אים פריער.
דער צווייטער מיטל איז געלט. מיר דאַרפן גרינדן כעוורעס און קלייבן געלט
אַף דעם איניען, אַף פאַרשיידענע קאָסטן. פאַר געלט קריגט מען אַלץ. מיר
דאַרפן געבן פּאָליציי געלט, דאָס זיי זאָלן טון אין דעם מיט מער שטאַרקייט,
אויך פּראָשעניעס צו דערלאַנגען אין גובערניע, און אויך אין פּעטערבורג און
שרייען אין איין קאָל, אַז מע זאָל אונז ראַטעווען, מע זאָל זען איינצולעשן
דעם פייער, וועלכער שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט און וויל איינשלינגען
דעם גאַנצן יעצטיקן לעבנס-אַרט, וועלכער וויל אוניטשטאָזשען רעליגיע און די
רעגירונג. צו דינגען לייִדיקע מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען אַרבעטן אין דעם,
ווייל מיר אַליין האָבן דאָך קיין צייט ניט. נאָר דאָך מוזן מיר פון צייט צו
צייט אַכטונג געבן אַף די אופירונגען און פּאָראַדקעס. מיר דאַרפן דינגען
מענטשן, און איבערהויפּט קריסטן, וועלכע זאָלן קאָנען אָנלערנען זייערע
כעוורע-סטאַצעצניקעס, וועלכע טוען אָבידעס זייערע באַלעבאַטים. אַזוי, ווי זיי
טוען מיט אונז, אַזוי דאַרפן מיר טון מיט זיי, אָן ראַכמאָנעס. צו דינגען איי-
גענע פּיסקאַלן, וועלכע זאָלן אויסלעדעווען זייערע געהיימע ערטער און זייע-
רע געהיימע פּלענער און דאָס אַלץ אַרויסצוגעבן צו דער רעגירונג. ניט ראַכ-
מאָנעס האָבן אַף אייגן ברודער און קינד, דען זיי האָבן אויך ניט קיין ראַכ-
מאָנעס. צו מאַכן פּריגאָוואָרן אַרויסצושיקן די איבעריקע מענטשן פון שטאָט,
וועלכע טוען גאָרניט און גייען מער ניט אַרום איבערן שטאָט צו אַרבעטן אין

דער כּעוורע סאָציאַליסטן. פויעלן באַ דער רעגירונג, דאָס די באַלמעלאָכעס זאָלן ניט האָבן קיין פּלאַץ — אַרבעטער-בירזשע, וואו זיי קלייבן זיך צונויף יעדן טאָג אין פרימאָרגן אום ניט אַרבעט צו זוכן, נאָר צונויפריידן זיך, ווי צו דייסטוועווען, וועמען אומגליקלעך צו מאַכן און וועמען צו האַרגענען, אויסצופירן, דאָס מע זאָל זיי שטאָטיקע שול אָדער איר גאָר איינגאַנצן צומאַכן אָדער צושטעלן יעדן שאַבעס און יאָנטעוו לעכאָלהאַפּאָכעס 5 גאָראָדאָוויע און 10 אָדער 20 סאָלדאַטן, וועלכע זאָלן שטיין אַפן הויף און אין די טויערן ניט צו לאָזן זיי אַרומגיין איבערן הויף, אָדער איבער יענער גאַס; אין דער צייט פון דאַוונען צעטרייבן זיי אָדער אין שול, וואו זיי זאָלן שטיין אַף איין אָרט, אָדער זיי זאָלן גיין אַהיים. דען דאָרטן איז באַ זיי אַ רעכטער צוזאַמענקום-אָרט, וואו זיי באַראַטן זיך אָפּצוטון אַלע קרימינאַלן. דאָרט איז אַלע סקאַנ-דאַלן, דראַקעס, דאָרטן האַרגעט מען מענטשן. עס איז שאַנדע פאַר כלל ישראל, שאַנדע פאר דער אידישער רעליגיאָן, וואָס אָנשטאָט די שול האָט גע-ברויכט צו זיין אַן אייגנטלעכער בית-אלקים, איז דאָס גאָר אַ בית-פריצים פאַר שאָציאַליסטן, סטאַצעצניקעס, זשוליקעס, גאַנאָווים, גאַזלאָנים און קרימי-נאַליסטן. וויפל מענטשן האָבן זיי שוין דאָרטן געהאַרגעט, אַך, שאַנדע, שאַנ-דע... אויך, ליבע פריינט, באַלעבאַטים און גווירים פון דווינסק, שלאָפט ניט אין דעם איניען, זעט זיך צו ראַטעווען, קאָלזמאַן עס איז נאָך צייט, האָט ראַכמאָנעס אף אייער פאַרמעגן, האָט ראַכמאָנעס אף אייערע ווייבער און קינ-דער און אַף זיך אַליין, מע זאָל זען טון וועגן דעם ווי ווייט מעגלעך איז. וויזט די בריוו אייערע גוטע פריינט, באַלעבאַטים און גווירים. רעדט זיי צו, זיי זאָלן אויך זען טון אין דעם. און ווען מיר וועלן אַלע זיין בדעה אחד, דאַן וועלן מיר קאָנען מעקאַיעם זיין דעם פּאָסעק „ובערת הרע מקרבך", דאָס הייסט, דו זאָלסט אויסראַמען די שלעכטע פון דיר".

2. „קול קורא פון דער קראַקויער רבנים-אסיפה".

„מיט 40—50 יאָר צוריק האָט דער סאָטן האַמאַשכים מיט זיינע שוואַרצע פליגלען עטלעכע מאָל אַ פּאַטש געטון אַף דער וועלט און האָט ארופגעבראַכט אַ רייעך איפּעש פון דעם ערשטן „מדור של גיהנם": אַנארכיזם, ניהיליזם און סאָציאַליזם. עס זיינען דערמיט פול געוואָרן אַלע לענדער און אַביסל זארא-זעט אויך אונזער פאָטערלאַנד רוסיאָ. צו די אלע צאָרעס זיינען צו די העפּ-קער-מענטשן צוגעשטאנען אסאך אָנהייבגער אויך פון אונזערע הייסע קעפּ, געבילדעטע מענטשן און פּראָסטע זכאָרים און נקייוועס און פארפירט מעשים, אשר לא יעשו, ווי אַלעמען איז באקאנט, פאר וועלכע זיי אלע האָבן דער-נאָך באַקומען זייער פסאק, וועדליק זיי האָבן פארדינט כפי חוקי הממשלה יר"ה"

קעגן פּאָגראָמען לייגן די ראַבאָנים פאָר:

א) זיך וועגדן מיט טפילעס צו גאָט ב"ה און ברשות המלכות גוזר תענית זיין;

ב) שיקן דעפוטאציעס צו די שרי המלכות, באַווייזן פאר זיי די אידישע אונטערטעניקייט און בעטן ראכמים בא דער רעגירונג;

ג) די ראבאָנים, געאוינים, צאדיקים אין די איבעריקע זאָלן זיך סטאַרן אויסצואוואָרצלען די אידייע פון סאָציאליזם פון אונז אידן. מע זאָל לערנען אלע אידישע שילער און שילערינען אידישקייט. אין קיין שטוב זאָל ניט גע-דאכט ווערן קיין ביכל, קיין צייטונג, קיין בילד פון דער געפערלעכער כעוו-רע, וואָרום עס איז אַ סאַמאמאָוועס. און אויך מאסרע זיין, בא ווע‏מען עס וועט זיך אין שטוב געפינען אַזעלכעס, וועט ער זיין פארעכנט פאר איינעם פון דער כעוורע און וועט זיכער בעקומען זיין פסאק".

סטאַטוט

פונם אפּיקאָרסים־פאַרבאַנד אין פסרר.

פּונקט 1. דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד פון פסרר איז אַ פרייוויליקער פאַרבאַנד פון די קעגנערס פון אַלע רעליגיעס.

פּונקט 2. אונטער דער פאָן פון קריגערישער אַפּיקאָרסעס פירט דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד אַן אַקטיוון קאַמף פאַר דער פולער באַפרייאונג פון די אַרבעטער פון רעליגיעזער פאַרטומלונג, און ער דעקט אויף די סאָציאַלע וואָרצלען פון רעליגיע. צווישן פויערים ווערט דידאַקטישע פּראָפּאַגאַנדע הויפּטזאַכלעך געפירט אין דער פאָרם פון דערקלערן נאַטור-וויסנשאַפטלעכע פראַגן און פון אויפדעקן אפן סמאַך פון געגעבענע קאָנקרעטע פאַקטן דעם קלאַסן-אינהאַלט פון רעליגיע.

פּונקט 3. אין דער אויפגאַבע פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד גייט אַריין אָנצואווייזן זיינע מיטגלידער, אַז ס׳איז אומצוועקמעסיק אָנווענדן אַזאַ מין מאַסאווע אַנטירעליגיעזע אַגיטאַציע, וועלכע באַליידיקט שאַרף לויט איר אינהאַלט און פאָרם און רירט אָן די געפילן פונם ריכטיק-גלויבנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג, באַזונדערס, פון די פויערים. „דעם קאַמף מיט דער רעליגיע דאַרף מען פירן מיט געשיקטקייט" — אָט דעם דאָזיקן לעניניסטישן לאָזונג דאַרף פעסט געדיינקען יעדער מיטגליד פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 4. קעדיי צו פאַרווירקלעכן זיינע צילן עפנט דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד זיינע קעמערלעך אף די פאַבריק-זאַוואָדישע אונטערנעמונגען, אין די דערפער, אין רויטאַרמייאישע טיילן און א. וו.; פירט דורך סיסטעמאַטיש און שטיצט מיט אַלע מיטלען קאָלעקטיווע מינים פון אַנטירעליגיעזער אַרבעט: אַנטירעליגיעזע קרייזלעך, סעמינאַרן, לעקציעס, אָוונטן, ווינקלען, קאַמפּאַניעס און א. וו.

דורך זיין צענטראַל-אָרגאַן „בעזבאָזשניק" וויקלט דער פאַרבאַנד פאַנאַנדער אַ ברייטע טעטיקייט אפן געביט פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אַנטירעליגיעזע, נאַטורוויסנשאַפטלעכע און אַנדערע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, אָרגאַניזירט לייענזאַלן, ביבליאָטעקן וכדומה און העלפט מיט, אַז די אַפּיקאָרסישע אידייען זאָלן אריינדרינגען אינם ארומיקן לעבנשטייגער. זיין גאַנצע אַרבעט פירט דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד דורך אין פולן קאָנטאַקט און העסקעם מיט די אָרטיקע פּאַרטייאישע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס, מיט די פּאָליטבילד-אָרגאַנען און מיט די קולטאָפּטיילן פון די פּראָפּאַרייגען.

די רעכטלעכע לאגע פונם אפּיקאָרסים־פאַרבאַנד.

פּונקט 5. דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד האָט די רעכט פון אַ יורידישער פערזאָן: קאָן באַזיצן פאַרמעגן, שליסן אָפּמאַכן, באַקומען האַלוואָעס און ד. גל. דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד האָט זיין שטעמפּל, שטאַמפּ און איינהייטלעכע פאָן מיט דער עמבלעמע פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

וועגן מיטגלידער.

פּונקט 6. אַ מיטגליד פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד קאָן זיין יעדער בירגער פון פסרר, וועלכער האָט וואַלרעכט, האָט אָפן און אויפריכטיק איבערגעריסן די אָנגעהעריקייט צו וואָס ניט איז פאַר אַ קולט,

אָדער צו א רעליגיעזער געזעלשאַפט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גלויבן אין גאָט און פון אַלע אַפילע אײדלסטע פאָרמען פון רעליגיעזישקייט, און אַרבעט אַקטיוו אינם קעמערל פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

אָנמערקונג: פערזאָנען, וועלכע זיינען נאָך ניט אלט קיין 18 יאָר — אַרבעטן אין קעמערל פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד מיט באַראַטונג-רעכט.

פּונקט 7. יעדער מיטגליד פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד דאַרף זיין אַן אַקטיווער אנטײלנעמער אין דורכפירן די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע מאָסמיטלען, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטנמאַכט רוקן ארויס; דאַרף שטרעבן, אַז ער אַליין זאָל זיין א פּאָליטיש-אַנטוויקלטער מענטש און זיך באַקאַנען מיט די גרונט-יעסוידעס פונם מאַרקסיזם, פון נאַטורוויסנשאַפט, און מיט דער ראַטן-געזעצגעבונג.

פּונקט 8. אַלע קעמערלעך פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד האָבן דאָס רעכט אופנעמען נייע מיטגלידער.

פּונקט 9. דער אופנאַם פון נייע מיטגלידער קומט פאָר דורך א אָפענער אָפּשטימונג אף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון קעמערל און ווערט באַשטעטיקט דורך דעם אויעזד-אָדער ראַיאָן-ראַט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 10. אין פאַלן, ווען א מיטגליד איז אויוער אפן סטאַטוט, דיסקרעדיטירט אָדער רייסט ארונטער דעם אַווטאָריטעט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד מיט זיינע איינצלנע מאַסים אָדער מיט זיין גאַנצער אופירונג — ווערט ער אויסגעשלאָסן פונם פאַרבאַנד דורך דער אָפענער אָפּשטימונג פון די מיטגלידער פון קעמערל.

אָנמערקונג (צו די פּונקטן 9 און 10): דאָס ניט-ריכטיקע אופנעמען אָדער אויסשליסן מיטגלידער קאָן אָפּגעשאַפט ווערן דורכן גובערניאַלן (געגנטלעכן) ראַט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 11. יעדער מיטגליד פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד האָט אַן איינהייטלעכע מיטגליד-קאַרטע, האָט רעכט צו טראָגן א צייכן לויטן איינגעשטעלטן מוסטער פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

די קעמערלעך פונם אפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 12. די גרונט-פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד איז דאָס קעמערל, וועלכע ווערט געבויט אין שטאָט לויטן פּראָדוציר-פּרינציפּ — אף די פאַבריקן און זאַוואָדן, ווי אויך באַ די לערן-אַנשטאַלטן און מיליטער-טײלן; אין די דערפער ווערט דאָס קעמערל געבויט באַ די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס און באַ די לייען-הייזלעך.

אָנמערקונג: באַ די אנטשפּרעכיקע אָרטיקע באַדינגונגען ווערט דערלאָזט — מיט דער דערלויבעניש פון די העכערע אָרגאַנען פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד — צו אָרגאַניזירן קעמערלעך באַ וואוין-קאָאָפּעראַטיוון, קאָמונעס-הייזער מיט א פּראָלעטאַרישן באַשטאַנד.

דאָרט וואו ס'איז נייטיק, ווערן די קעמערלעך געבויט אויך לויטן נאַציאָנאַלן סימען. אזעלכע קעמערלעך שליסן איין פערזאָנען פון איין נאַציאָנאַליטעט, וועלכע קעמפן אומיטלבאַר מיט זייער רעליגיע.

פּונקט 13. דאָס קעמערל פירט אומיטלבאַר דורך די גאַנצע אַרבעט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד, ציט צו נייע מיטגלידער, זוכט אויס מיטלען און א. וו. אין זיין אַרבעט באַזירט זיך דאָס קעמערל אף די באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד און פונם ראַט פון א. פּ.

פּונקט 14. אף אָנצופירן מיט דער אַרבעט פונם קעמערל קלייבט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויס א ביוראָ אין דער צאָל פון 3 ביז 7 מאַן, אין העסקעם מיט דער גרייס פון קעמערל.

אָנמערקונג: אויב דאָס קעמערל ציילט ווייניקער פון 10 מיטגלידער — טײלט מען אויס בלויז איין אָרגאַניזאַטאָר.

די צענטראַלע איינריכטונגען פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 15. דער העכסטער אָנפירנדיקער אָרגאַן פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד איז דער אַלפאַר-באַנדישער צוזאַמענפאָר, וועלכער ווערט צונויפגערופן ניט אָפטער ווי איין מאָל אין יאָר.

פּונקט 16. דער צוזאַמענפאָר הערט אויס און באַשטעטיקט די באַריכטן פון די צענטראַלע איינריכטונגען פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד. ער קוקט איבער, אין פאַל, ווען ס׳איז נייטיק, די גרונט-ליניע פון דער גאַנצער אַרבעט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד, קלייבט אויס צענטראַלע אָרגאַנען און אַ רעוויזיאָנס-קאָמיסיע.

פּונקט 17. צווישן די צוזאַמענפאָרן איז דער אָנפירנדיקער אָרגאַן — דער צענטראַלער ראַט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד פון פ.ס.ר.ר.

דער צענטראַלער ראַט ווערט אויסגעקליבן אין באַשטאַנד פון:

אַ) אַ פּלענום פון 40 מאַן, וואוהין ס׳גייען אַריין פאָרשטייער פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע געגנטלעכע און גובערניעלע אָרגאַניזאַציעס פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד. דער פּלענום קלייבט זיך צונויף צוויי מאָל אין יאָר.

ב) אויספיר-ביוראָ פון 11 מאַן, וועלכער אַרבעט קעסיידער.

פּונקט 18. דער צענטראַל-ראַט שטעלט צונויף איין מאָל אין כוידעש אַ באַריכט וועגן זיין אַרבעט און אינפאָרמירט וועגן דעם די גובערניעלע און געגנטלעכע ראַטן פונם פאַרבאַנד.

פּונקט 19. די רעוויזיאָנס-קאָמיסיע ווערט אויסגעקליבן אַפן צוזאַמענפאָר אין באַשטאַנד פון 3 מיטגלידער און 2 קאַנדידאַטן.

אָרטיקע איינריכטונגען פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פּונקט 20. די אָרגאַניזאַציעס פונם א. פ. אין די ראַנד-געגנטן און אין די אַוטאָנאָמע און פעדעראַטיווע רעפּובליקן בילדן קאַנטיקע, געגנטלעכע אָדער צענטראַלע (אין דער געגעבענער נאַציאָנאַלער רעפּובליק) ראַטן מיט אַ צאָל מיטגלידער לויט די אָרטיקע באַדינגונגען.

פּונקט 21. די גובערניעלע אָדער געגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד קלייבן אויס אַף דער גובערניעלער קאָנפערענץ, וועלכע ווערט צונויפגערופן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין יאָר — גובערניעלע (געגנטלעכע) ראַטן אין צאָל פון 9—7 מיטגלידער, אויסער לענינגראַד און מאָסקווע.

פּונקט 22. די אויעזד-קאָנפערענץ פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד, וועלכע ווערט צונויפגערופן ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין יאָר — קלייבט אויס אַ אויעזד-(קרייז-) ראַט אין דער צאָל פון 7—5 מיטגלידער.

פּונקט 23. דער וואָלאָסט-ראַט פונם א. פ. באַשטייט פון 5 מיטגלידער און ווערט אויסגע-קליבן אַף דער וואָל-קאָנפערענץ.

פּונקט 24. בא אַלע ראַטן דארפן זיין רעוויזיאָנס-קאָמיסיעס אין באַשטאַנד פון 3 מיטגלי-דער, וועלכע ווערן אויסגעקליבן אַף די אַנטשפּרעכיקע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן.

פּונקט 25. דער צענטראַלער ראַט קאָן, אין פאַל פון אויוועך זיין אַפן סטאַטוט — פאַנאַנ-דערלאָזן יעדן נאַציאָנאַלן, קאַנטיקן, געגנטלעכן, גובערניעלן, קרייזישן, אויעזדישן, ראַיאָנעם ראַט.

וועגן מיטלען.

פּונקט 26. די מיטלען פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד ווערן צונויפגעשטעלט פון מיטגליד-אָפּ-צאָלן, האַכנאָסעס פון פאַרלעגערישער טעטיקייט, פון אָרגאַניזירן קולטור-בילדונג-אונטערנעמונגען (קינאָ א. ד. ג.).

פּונקט 27. דער מיטגליד-אָפּצאָל ווערט איינגעשטעלט: פאַר די מיטגלידער פון שטאָטישע קעמערלעך פונם א. פ. — 5 קאָפּ. פאַר מיטגלידער פון דאָרפישע קעמערלעך — 2 קאָפּ. פּערזאָנען, וועלכע פאַרדינען ניט (אַרבעטלאָזע, רויטאַרמייער, און טיילוויס — לערן-יוגנט) — ווערן אינגאַנצן באַפרייט פון צאָלן.

אָנמערקונג 1. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס איז דערלויבט צו ענדערן דעם מיטגליד-אָפּצאָל אין דער אָדער יענער זייט (נאָר זיי דאַרפן דערויף האָבן דעם העסקעם פונם צענטראַל-ראַט).

אָנמערקונג 2. פון די מיטגליד-אָפּצאָלן בלייבט אין קעמערל — 50 פראָצ. אין וואָלאָסט-ראַט — 10 פּר. אין גובערניעלן—20 פּר. אין צענטראַלן—10 פּר. (די צענטראַלע נאַציאָנאַלע און קאַנטיקע ראַטן באַקומען אין זייער ראַיאָן האַלב פון דער סומע, וועלכע איז באַשטימט פאַרן צענטראַל-ראַט). אין פאַל, ווען ס'פעלט אויס עפּעס אַ אינסטאַנץ, ווערט זייער טייל איבערגעגעבן דער פאָלגנדיקער, העכערער אינסטאַנץ.

וועגן פאַנאַנדערלאָזן.

פונקט 28. דער אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד קאָן ווערן פאַנאַנדערגעלאָזן לויטן באַשלוס:

1) פונם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר.

2) פונם פּלענום פון צענטראַל-ראַט, זיי דאַרפן אויך באַשטימען, וואָס צו טון מיטן פאַרמעגן פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבאַנד.

פלאַקאַטן*)

I אָפּטייל.

1) געביט פון בלינדן גלויבן.
2) שיישעס יעמיי ברייִשיס.
3) דאָס לעבן פון די שטערן.
4) אויסבילדונג פון זון-סיסטעם לויט קאַנט-לאַפּלאַס.
5) צוזאַמענשטויס פון וועלטן.
6) געבוי פון זון-סיסטעם.
7) פאַרגלייך-גרייסן פון זון און פּלאַנעטן.
8) אינערלעכער געבוי פון דער ערד.
9) ענדערונג פון ערד-איבערפלאַך.
10) סכעמאַטישער צושניט פון ערד-קאָרע.
11) שטיינקוילן-טקופע.
12) קרייד-טקופע.
13) אייז-טקופע.
14) ענדערונג פונם ערדאיבערפלאַך אונטער דער ווירקונג פון וואַסער.
15) אַנטשטייאונג פון באַלעכאַים.
16) קרויוועשאַפט פון מענטשן מיט באַלעכאַים.
17) מענטש און מענטשאַרטיקע ברואים.
18) אַנטשטייאונג פון מענטשן.
19) אַנטוויקלונג און פאַרקאָמפּליצירונג פונם מאַרך — פון פיש ביז מענטש.
20) עמבריאָנען.
21) אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן עמבריאָן.
22) אומנאָרמאַלקייטן פונם מענטשן, וועלכע באַשטעטיקן זיין קרויוועשאַפט מיט באַלעכאַים.
23) איבעריקע אָרגאַנען באַם מענטשן, און אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגענומען אַנ-דערע פונקציעס.

II אָפּטייל.

24) אינדוסישע געטער, דרייאייניקייט.
25) געטער — שעפער פון רעליגיעס.
26) געטער — עגיפּטישע, אַסירישע, באָווילישע, גריכישע, סלאַווישע און פון די ווילדע אַפריקאַנער.
27) געטער-געבורט.
28) געבורט פון גאָטסמוטער.
29) ליידנדיקע, שטאַרבנדיקע און אופלעבנדיקע געטער.

---

*) די פלאַקאַטן קאָן מען קריגן אין אלע מאַגאַזינען פון די מעלוכע-פאַרלאַגן.

III אָפּטייל.

30) צי איז דאָ איין גאָט? פֿאַרשפּרייטונג פֿון רעליגיעס אָפֿן ערדקיילעך.
31) קאַרטע וועגן פֿאַרשפּרייטונג פֿון רעליגיעס.
32) דאָס גלויבן אין האַשאָרעס האַנעפּעש. אָזיריסעס מישפּעט איבער מייסים. דער יאָם האַדין.
33) אַקיידעס-איצכאָק, אַקיידעס איפֿעגעניִ.
34) זאכן פֿון רעליגיעזן קולט.

IV אָפּטייל.

35) די הייליקע אינקוויזיציע. פֿייניקונג-געצייג. פֿייניקונג פֿון אַפּיקאָרסים. הינריכטונג פֿון אַפּיקאָרסים.
36) אינקוויזיציע.
37) קאַמף פֿון קירך קעגן וויסנשאַפֿט. דאָס פֿאַרברענען פֿון דזשיאָרדאנא ברונאָ.
38) טפֿילעס פֿאַרן ניצאָכן בעשאַס דער אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע.
39) קאָרבאָנעס פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע.
40) ווי אַזוי די ראַטנמאכט האָט אויסגענוצט די געביידעס פֿון מאָנאַסטירן.
41) גייט אַוועק פֿון די גאַלאָכים, קסיאָנדזן, פּאַסטאָרס, ראַבאָנים, מולעס — אין די רייען פֿון די באַוואוסטזיניקע קעמפֿער פֿאַר דער פֿיזישער און גייסטיקער באפֿרייאונג.

דיאַפּאָזיטיוון פֿאַר דער אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע.

1) רעליגיעזע און וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער וועלט — 34 דיאַפּאָזיטיוון. 2) געשיכטע פֿון רעליגיע — 46 דיאַפּאָזיטיוון. 3) אינקוויזיציע אין מיטלאַלטער.

דיאַפּאָזיטיוון אַף אויסאַרבעטן א וויסנשאַפֿטלעכע וועלטאנשויאונג.

1) אַנטשטייאונג פֿון זון-סיסטעם . . . . 50 דיאַפּאָזיט.
2) געשיכטע פֿון דער ערד . . . . 32 „
3) אַנטשטייאונג פֿון מענטשן . . . . 30 „
4) קולטור פֿון אוראַלטע איינוואוינער אין אייראָפּע . . . . 26 „
5) יעגער און פֿישפֿאַנגער פֿון דער ניישטיינערנער טקופֿע . . . . 31 „
6) אוראַלטע ערדאַרבעטער און פֿיצוכטער אין דער ניישטיינערנער טקופֿע . . . . 24 „
7) קולטור פֿון בראָנז-טקופֿע אין אייראָפּע . . . . 20 „
8) אַנטוויקלונג פֿון לעבן אַף דער ערד . . . . 30 „
9) קאַמף פֿאַרן קיעם אין דער נאַטור (דאַרוויניזם) . . . . 30 „
10) ווי קומט פֿאָר דאָס לעבן אין אונזער קערפּער . . . . 30 „
11) דאָס לעבן פֿון מענטשן אין מוטערס טראכט . . . . 20 „
12) אומזיכטבארע פֿריינט און פֿיינט פֿון מענטשלעכן אָרגאַניזם . . 20 „

ביבליאָגראַפישע רעשימע

פון ווערק אין אידיש, וועלכע קאָנען ווערן אויסגע־נוצט צום סיסטעמאַטישן קורס פון אנטירעליגיעזער פראָפּאַגאַנדע.

צום ציקל נאַטורוויסנשאַפט:

1) בערקאָוו: „דאָס לעבן, זיין אַנטפלעקונג, אנטשטיי־
אונג און אנטוויקלונג" . . . . פרייז 30 קאָפּ.
2) טאליעוו: „טשאַרלז דאַרווין (וואָס ער האָט אופ־
געטון פאַר דער מענטשהייט) . . . . „ 15 „
3) לעבעדיעוו: „וואָס זאָגט דאַרווין" . . . . . . „ 35 „
4) נאָוואָרוסקי: „געשיכטע פון דער ערד" . . . . . „ 20 „
5) נעטשאַיעוו: „ערד און גאָרוועלט" . . . . . . „ 45 „
6) סטרעלביצקי: וועלטבוי און זיינע סוידעס" . . „ 70 „
7) וואָלף: די גאָרוועלט מאשין" . . . . „ 35 „
8) קאמסקי: „די שטיינטקופע" . . . . „ 5 „
9) זשוקאָוו: „די אָפּשטאַמונג פון מענטשן" . . . . „ 1 ר. 50 „
10) ניקאָלסקי: „פון שטיין צו מעטאל" . . . . . . „ 1 ר. 20 „

צום ציקל „רעליגיע און וויסנשאַפט":

1) באָגדאנאָוו: „וויסנשאַפט און ארבעטערקלאַס" . . „ 12 „
2) טערמאן: „קולטור און דער ארבעטערקלאַס" . . . „ 15 „
3) סוכאָוו: „וויפל עמונעס איז פאַראַן אַף דער וועלט" „ 15 „
4) לאפארג: „וועגן רעליגיע" . . . . „ 15 „
5) היינריך קונאָוו: „די אנטשטייאונג פון רעליגיע
און גלויבן" . . . . „ 1 ר. 10 „

צום ציקל מאַרקסיזם און לעניניזם:

1) מארקס און ענגעלס „קאָמוניסטישער מאניפעסט" . . . „ 75 „
2) בוכארין און פרעאָבראזשענסקי
„אַלעפבייס פון קאָמוניזם" . . . . „ 80 „
3) אגאל: „יעסוידעס פון מאַרקסיזם" . . . . „ 60 „
4) געד און לאפארג: „דער איקער פון סאָציאַליזם" „ 10 „
5) טשעסקיס: „היסטאָרישער מאטעריאליזם" . . . . „ 1 ר. — „
6) פאפערני: „אלעפבייס פון מארקסיזם" . . . . . „ „
7) פלעכאנאָוו: „גרונט־פראַגן פון מארקסיזם" . . . „ 30 „
8) סעמקאווסקי: „וואָס איז אזוינס מאַרקסיזם" . . . „ 45 „

צום ציקל „אידישע רעליגיע":

1) ניקאָלסקי: „דאָס אוראלטע פאָלק יסראָעל" . . . . „ 50 „
2) „ „אידישע יאָנטוויוויס" . . . . „ 1 ר. 50 „
3) לוריע: „טוירע" . . . . „ 55 „
4) „ „שאבעס" . . . . „ 10 „
5) „ „פייסאַך" . . . . „ 50 „
6) „ „יאָמקיפּער" . . . . „ 25 „
7) „אַבע לעוו: „רעליגיע און קלייקוידעש" . . . . . „ 20 „
8) „דער מישפעט איבערן כיידער אין וויטעבסק" . . . . „ 15 „

לאָזונגען פאַר פלאַקאַטן:

1) רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק.

ק. מאַרקס.

2) אויסראָטן די רעליגיע אַלס פאָלק־גליק—איז נייטיק פאַר זיין עמעסן גליק.

ק. מאַרקס.

3) די גאַנצע רעליגיע איז ניט מער, ווי אַ פאנטאסטישע אָפּשפּיגלונג אינם מענטשנס באוואוסטזיין פון יענע אויסערלעכע קויכעס, וועלכע הערשן איבער זיין טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, אַן אָפּשפּיגלונג, אין וועלכער די ערדישע קויכעס נעמען אָן איבערערדישע פאָרמען.

פ. ענגעלס.

4) רעליגיע פארשלעפערט דעם מענטשלעכן גייסט.

ל. פייערבאַך.

5) ווער ס'האָט באנומען די ויסנשאַפט, נייטיקט זיך ניט אין רעליגיע.

געטע.

6) רעליגיע איז די וועלטאַנשויאונג פון ווילדן.

7) רעליגיע איז אַ געצייג פון עקספּלואַטאַציע אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן.

8) וויסנשאפט איז אַ געצייג אַף צו באפרייען דעם פּראָלעטאריאט פון רעליגיעזער פינצטערניש.

9) רעליגיע איז אַ צוים; ניט, וואס זי פארהאלט דעם פלי פונם מענטשנס באוואוסטזיין, נאָר זי פּענטעט זיין ווילן מיט אייזערנע קייטן.

10) רעליגיע פּענטעט דעם ווילן פונם פּראָלעטאריאט צום קאמף, לעשט דאָס פייער פון פּראָטעסט און ברייגנט צו פאסיווקייט.

אינהאַלט.

ז.

פאָרוואָרט . . . 3

I. רעליגיע אַלס וועלטאַנשויאונג. (5—20)

פ. ע נ ג ע ל ס — די סאָציאַלע וואָרצלען פון רעליגיע . . . 7
ק. מ אַ ר ק ס — די רעליגיעזע וועלט איז די אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכער וועלט. . . 9
ג. פּ ל ע כ אַ נ אָ ו — די באַשטאַנד-עלעמענטן פון דער רעליגיע . . . 10
ב. ג אָ ר ע ו — רעליגיע אלס אידעאָלאָגיע פון אומבאַהאָלפנקייט . . . 12
ק. מ אַ ר ק ס — פאַרוואָס האָט זיך די רעליגיע אופגעהאלטן ביז היינט. . . 16
די לעגענדע וועגן וועלט-באשאף (לויט קונאָוון) . . . 17

II. רעליגיע און קלאַסנקאַמף (21—36).

ל ע נ י ן — סאָציאַליזם און רעליגיע . . . 23
„ — וועגן דער באַציאונג פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי צו רעליגיע. . . 26
פּ. ל א פ א ר ג — די עקאָנאָמישע סיבעס, פאַרוואָס די בורזשואַזע קלאַסן זיינען רעליגיעז . . . 30
„ — די סיבעס, פאַרוואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט רעליגיעז. . . 36

III. די אידישע רעליגיע און אירע אינסטיטוציעס (37—55).

דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער אידישער רעליגיע . . . 39
רעליגיעזע אינסטיטוטן באַ אידן . . . 39
אידישע יאָנטויוים . . . 46
דער קריגערישער אידישער קלעריקאַליזם אין די בורזשואזע לענדער . . . 53

IV. צו דער מעטאָדיק פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע (57—76)

ל. ט ר אָ צ ק י — דער באַטייט און די וועגן פון דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. . . 59
ווי אַזוי מע דאַרף פירן די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אין דער אידישער סוויווע . . . 64
ווי אַזוי צו פירן די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אין שול . . . 67
אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע און די אידישע קלאַסיקער . . . 69
א. ל אָ ג י נ אָ ו — אופגאַבן און מעטאָדן פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע . . . 70
י. י אַ ר אָ ס ל אַ ו ס ק י — מיטלען פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע . . . 73

V. פּראָגראַם פון אַ סיסטעמאַטישן קורס איבער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע (77—96)

נאַטורוויסנשאַפט . . . 79
אַנטוויקלונג פון רעליגיע . . . 82

VI. דאָקומענטן און מאטעריאַלן (97—113)

פון דער פּראָגראַם פון אל. ק. פּ. . . . 99
פון דער רעזאָלוציע פון 13-טן צוזאַמענפאָר פון אַל. ק. פּ. וועגן אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע 99
רעזאָלוציע פון פאַרברייטערטן פּלענום פון קאָמינטערן (יוני 1923 יאָר). . . 100
דער הייליקער בונד פונם גוויר מיטן ראָוו קעגן דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג . . . 102
סטאַטוט פונם אַפּיקאָרסים-פאַרבענד. . . 106
רעשימע פון פּלאַקאַטן און דיאַפּאָזיטיוו. . . 110
ביבליאָגראַפיע . . . 112
לאָזונגען פאַר אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע . . . 113